STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04030

LIDER

Ephraim Aysikowitchi

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אפרים אייזיקאָוויטש

*

לידער

אפרים אייזיקאוויטש

לידער

פאַרלאַג „פ ו ל י" תל־אביב
1962

EPHRAIM AYSIKOWITCHI

LIDER

Published by the „P o l y"
Tel Aviv, P. O. B. 4988

אפרים אייזיקאָוויטש

לידער

פאַרלאַג „פולי"
תל־אביב, ת. ד. 4988

הילע : סאַנדולאָביטש

נדפס בישראל
Printed in Israel 1962

דפוס „ארזי" בע"מ, ת"א, רח' אילת השחר 4, טל. 34294

אפרים אייזיקאָוויטש

ווײל דיר, אױב װאַקסט זיך צונױף מיט דײַן שטאַם,
װײטיקסט מיט אים און זײַן פרײד איז אױך דײַנע ;
נאָך װײלער, װען אין האַרצן טראָגסט אױך זײַן פלאַם
און די װעגן צום ליכט — זײַנען אױך זײַנע...

איך וויל אזוי

איך וויל אזוי

איך וויל אַזוי מיין ליד אויסזינגען,
אַז גרייכן זאָל עס ווי איך דאַרף: —
ליבע טראָגן און ווי גאווה, פאַלשע צינגען —
טיפער שניידן זאָל איר שאַרף...

מוט זאָל ברענגען אין היימען קליינע
און אַ טרייסט אין ווינקלען שטילע —
דאַרף עס טראָגן פאַר געמיינע
פעך און שוועבל און סם אפילו.

ווי אַנדערש זאָל, אַ ליד אין ווערן
די געזוכטע שטראַל און אַ פונק פון גלויבן,
מיט אַ האָפענונג דאָס האַרץ ניט נערן
און אַ געפּאַלענעם צו זיך ניט הויבן?

שניידט אַ ליד אַזאַ זיך וועגן
ניט געמיינטע און ניט געדאַכטע...
מיט אַ שמייכל גייט אַקעגן
הערצער דורשטיקע און פאַרשמאַכטע...

און ווי אַ שווונג, אַ גלוסט, אַ מיין,
אַ שטראַל, אַ וויל, אַ פונק פון שטערן,
אַ פייכטן בליק פון אונטער ברעמען
זויפט איין זיך ס'ליד מיינס גערן;

אויך אַ טרוים אין צייטן אַ פאַרלווירענעם,
קראַפּט אין קאַמף און מוט אין זיגן...
פון פליין צו פליין, אויפסניי געבוירענע,
דרייסטער זינגט עס אויס איר ניגון...

ביי דיינע שטאַמען, ליד שווער געליטן,
פאַרשיכור איך זיך אין פאַרפומען;
נאָר אויפן זאָט פון שוויים און בלוטן
וואַקסן רייצנדיקע בלומען!

פשוט זאָלן אַקאָרדן דיינע קלינגען,
נאָר הילכיק און, ווי — אין סורדינע — שטיל...
איך מוז אַזוי מיין ליד אויסזינגען,
אַז גרייכן זאָל עס ווי איך וויל!...

א טייל זאגן

אַ טייל זאָגן אַז איך זינג,
ווען קיינעם זינגט זיך ניט;
אַ טייל מיינען, אַז מיין שאַרף —
טיפער לאָזן וויל איר שניט...

אַ טייל זאָגן אַז איך זינג
פאַר אויערן נאָך ניט אָפענע;
אַ טייל געפינען אין ליד אַ פונק —
פון אויגן שווער פאַרלאָפענע...

אַ טייל זאָגן אַז איך זינג
פאַר מוחות אומגעדולדיקע;
אַז איך קייטל אויף די רינג
פאַר הענט און פיס שולדיקע...

און ווען זיי ווילן — זאָגן זיי:
אַז צופיל אין ליד געוויין —
כ'גיי דערפאַר אַרוים פון רײ
און בלייב מיט דער עלנטקייט אַליין...

אָבער זאָגן וויל איך דאָ די וואָר,
(וואָס זיי ווילן — זאָלן מיינען)
אַז איך זינג דעמאָלט נאָר,
ווען ס׳האַרץ אין מיר וויל וויינען!

ניט געלאשן איז מיין פלאם

שימל האָט אין וועזן מיינעם ניט געבליט,
בייזע ווינטן האָבן אויסגעשישעט* מיין געביין...
אַ ליבע־פונק האָב אין האַרצן טיף געטליעט,
וואָס האָט צומאָל צעבליפעט אַ געוויין.

אין פרעמדע וואַסערן לעש איך ניט מיין פלאַם
און לידער זינג ניט פאַר הויכע טויערן;
מיט פלייצעס שטיי איך ניט צו מיין שטאַם
און וויטיק אויס זיין פאַרלוירענע!

אין פעטע הויטן האָב איך אַ „גוטן טעם" געפילט
פון קדמונים טראָג איך נאָך מיין האַס צו זיי,
מיט חניפה־שמייכלען האָבן מיין בליק פאַרהילט
און געוואַרעמט, ווי אין חודש שבט דער שניי...

איצט שטייען זיי מיט נעבעכדיקע ברעמען גאָר,
וואַרטנדיק אויף הילף פון ערגעצוואו,
אָבער קומען וועט שוין מער ניט יענע שעה
זאָל אין נעכטנס זייערע זיי דערמאָנען דאָ

בוקאַרעסט יאַר 1949

* אויסגעשישעט = אויסגעטריקנט.

י י ד י ש

פֿאַרוואָס זאָל דער ברונעם זיין תמיד
דאָס אָרט פֿאַרן מיסט פֿון די וועגן ?
מיט אַ ציטער איך שטיי פֿאַרן עמוד,
כאָטש איך זע ניט ביי וועמען זאָל פֿרעגן...

ביז ווען וועלן שטעכערס און שפּענער
פֿאַרשטעלן אַ פֿלאַך אַזאַ ריינעם ?
פֿאַרוואָס זאָל מען צאָלן פֿאַר וואַסער מיט שטיינער
און מיט שוים אויף די ליפּן פֿאַרמיאוסן ס'שיינע ?

פֿאַר וועלכע זינד אין זיינע אַרומען
שפּייט מען אויף אים אוים די גאַל ?
פֿאַרוואָס זאָלן שמוציקע מיילער נאָך קומען
טרינקען דאָס וואַסער פֿון קוואַל ? !

ביז ווען וועלן שטיינער און שמאַטעס געמיינע
האַלטן דעם קוואַל אונטער יאָכן און נויטן ?
איז וואַקסן דערפֿאַר זיינע כוחות געהיימע : —
צעווייקן אין זיך זאָלן די שמוצן און קויטן...

און גייען וועלן דורות נאָך דורות צום ברונען —
שטילן זייער דורשט אין דער פיל־טעמיקער זאַפט...
און די וואָס זוכן — דאָ וועלן זייער אָטעם געפינען
און שעפּן פון אים נאָר זייער קראַפט...

* * *

וואָס קען נאָך זיין מיאוסער פון מיאוס
און ווי קען מען נאָך טיפערער זינקען,
אַז קודם שיט מען אין ברונען דאָס מיסט —
און נאָכהער זאָל מען שעפּן ס'וואַסער צום טרינקען?!

יאָר 1958

דער שטראַל וואס בריט

דאָס ליד איז ניט געבוירן אויף אַ כוואַליקן געוויין,
וואָס בליפּעט אויס אַ האַרץ געליטן,
נאָר פון האַס צו אַלעמען וואָס איז נידריק און געמיין
און זויפן וויל נאָר פרעמדע בלוטן.

און ווען עס צעצינדט זיך העלער אַ נקמה־פלאַם —
צעזידט זיך שטאַרקער די שנאה אין מיר —
שלינג איך אַראָפּ נאָך אַ טראָפּן פון זייער סם
איז עפנט ברייטער זיך אין האַרץ אַ טיר —

פאַרן ליד, וואָס מוטיקט מיך און שטאַרקט
און פירט אַהין — אין אויפגעוואַכטן וואַלד,
אַ ליד, וואָס ווייזט זיך ניט אויפן מאַרק —
ווו גרויסע אויגן שפיגלען זיך אין גאָלד;

נאָר אינאיינעם מיטן כוח פון יענער שטראַל...
בריט און שטיקט אויס ווערים, שלענג;
רייסט די ציינער, בראָט די צונגען ביים שאַקאַל
און אַ פרייד דעם ריינעם האַרצן ברענגט...

יאָר 1948

געטלעכע טענער

איך בין ווי דער פויגל, וואָס קען מער ניט פליען —
אַ פאַרנאַרטן וויל מען אין זיסע חלומות פאַרוויגן...
פרווו איך, איך וויל מיינע כוחות באַמיען,
אַז דערגייען זאָל צו אויערן אַ ניגון:

פון אָט אַזאַ טרער — ווו מ'וויל זיך ניט טיילן
מיט איר ווי אויסגעקלאָגטער פאַר פרעמדע
און, פון אַן אָפענער ווונד, וואָס קען זיך ניט היילן
מיט אַן אויפגעבלאָזענער הבטחה פון אַ שיינער לעגענדע...

* * *

איך בין דער ווייַ פון דער וויפלטער הויט,
וואָס האָריקע הענט פונעם גוף מיינעם ציען!
איך בין די מי, וואָס קלעטערט און בויט
און הויכט אויס די טויען פאַר פעלדער צום בליען!

איך בין דער קרעכץ פון פאַרצייטיקער מידקייט!
איך בין דער געשריי פון בלוט אויסגענאָגטן!
איך בין דער וואָגל אין דער אין־סופיקער וויסטקייט
איך בין דער בלאָנדזשענדער שאָטן פון אייביק געיאָגטן!

איך בין דער שוים פֿון פֿאַרגאָסענע בלוטן,
וואָס גייען אַריבער די ברעגן!
איך בין דער בראָך פֿון צעריבענע מוטן —
פֿאַרמישטע אין שטויבן אויף בלערליי וועגן!

איך בין דער האַלדז פֿון שטריקל פֿאַרצויגן,
וואָס קלאָגט נאָך זיין פֿאַרשניטענעם אָטעם!
איך בין דאָס ליכט פֿון אויסגעלאָשענע אויגן,
וואָס פֿאַלט אויפֿן אַש פֿון פֿאַרשרפֿעטע שאָטנס!

איך בין ווי דער צאָרן, וואָס שטורעמט דעם ים —
וויל רייסן ס׳בייזע און טיף לאָזן זיין שניט...
פֿון אָנגעזאַמלטע האַסן בין איך דער פֿלאַם —
ער זאָל די אומרעכט פֿאַרהילן אין זיין מיט!

איך בין אַ קללה, וואָס הענגט אויף די טויערן —
אויף שטויב זאָל די שלעסער צערייבן!
איך בין אויך אַ חוב, וואָס גייט ניט פֿאַרלוירן
און שולדיק וועט קיינעם ניט בלייבן!

* * *

אין ערגעצן ווייטע און אין נאָענטע אַרומען
דונערט אַ קול... און גיט־אָן צוּווייסן...
וואָרנט און זיכערט אין טאָג, וואָס וועט קומען,
בעט זיך ביים געמיינטן, געדאַכטן געווייסן...

נאָר ווי קען צו אַן אויער אַזאַ ניגון דערגיין,
אַז ער פֿאַרוויגט זיך אין מעלאָדיעס וואָלוועלע און געמיינע...
דאָס קול — איז אַ קול, וואָס געהערט צו די ווייען
און דער ניגון — צו די געטלעכע טענער!

יאָר 1959

יונגע יארן

געזינטער שטייען אויף זיינע פיס

מנחם — אַ משרתל ביי אַ באַלעבאָס,
בעט באַפרייען אויף אַ שעה זאָל ר׳ לייב אים.
אים ציט אַהין, ער פילט פאַרוואָס
זיינע כוחות אין קאָן דאַרף אויבעט געבן.

פון זשאַדנע ציינער קומט אַרויס אַ קריץ
און בייזע בליקן פון אויגן ווילדע;
ווי אַ דונער קומט אונטער נאָך אַ בליץ,
אַזוי קומען הילכן נאָך פון ליפּן „מילדע".

אַ פאַרשעמטער שטייט ער אַזוי איינגעבויגן,
חברים וואַרטן שוין פון פריי־קאַיאָר.
די פרייע שעה זוכט ער מיט זיינע קינדער אויגן —
ער האַלט ביים ציילן ערשט דאָס צענטע יאָר.

ר׳ לייב קריפּלט זיך און פיבערט,
מיט אַ פלאַמנדיקן פּנים אַלץ בייזער ווערט ער:
— „אויב דו גייסט צו יענע אָפּגעסמטע אַריבער
וועט דיין טאָג ביי מיר שוין זיין דער לעצטער"!

און די מאַמע אלמנה אַ אָנגעוויטיקטע,
ציענדיק שווער אין זיך דעם אָטעם,
קומט אַרויס פאַר אים אַזאַ ווי איז — אַ באַליידיקטע
מיט איר תמידיקער טרער בעט און ראָט אים:

— „לאָז דיך לערנען, נעם אויף ר' לייבס מוסר זאָגן!
צעוואָס דעם באַלעבאָס גאָר זיין דערווידער!?
קינד, איך קען שוין ניט מיינע ביינער טראָגן,
אַז קומען זאָלן אויף פרעמדע טירן ווידער!".

* * *

מנחם גייט נאָך זיינע טרוימען, אַלץ אַהין...
ווי אויסגעטיילט אים איז אויך אַ שטראַל,
ער זוכט, ווי אין בלימל זוכט די בין
דעם האָניק אירן נאָכן טויען־פאַל.

נאָך יעדער טראָט הויבט דעם קאָפּ אַלץ העכער
און טרייסלט אָפּ פון זיך, וואָס ווילד איז און מיאוס;
ער וויל ניט מער טרינקען פון זיין טאַטנס בעכער,
געזינטער וויל ער שטייען אויף זיינע פיס...

קינדער יאָרן

ווען איך פּרוּוו צעוויקלען
מיין קינדערשן זכּרון
געפין איך דאָרט באַהאַלטן
כּל המינים שפּורן:

שפּורן פון אַ לעבן;
(אַזוי האָט עס געהייסן)
הונגער, זאָרג געווייקטע
אין אַנגסט און אין שווייסן...

אומעט, גרוי אין טאַטנס שטוב
זויגן שטיל ס׳חיות פונעם גוף,
ווי שטיל עס זויגט די נאַכט
ביי שטערן אויס זייער שלאָף.

*

אַרום אַ טייכל טרערן: —
צרות גרויסע סטויגן,
טרערן אויסגעוויינטע
פון מיין מאַמעס בלויע אויגן;

און אויפן טייכל שווימען
אירע תפילות הייסע:
„גוט און ערלעך זאָל שוין ווערן
אָט די וועלט — שלעכטע, בייזע!"

*

מיין טאַטע אין אַ זייט
אין שול צו מזרח שטייט
די שמונה עשרה שאָקלט אויס
און אויף פרנסה בעט.

פון צייט צו צייט — אַ קרעכץ
לויפט נאָך אַ שווערן זיפץ,
ער שיקט זיי ביידע אַהין
וווּ דער „בורא עולם" זיצט:

„דאָ איז דאָ וואָס צו הערן
און ס'איז דאָ וואָס צו זען...
די אומרעכט צו זיין וויסן
וועט אַמאָל דערגייען?"

אָט די זעלבע טענות
פון יידן הער איך נאָך,
וואָס פאַסטן אויס תעניתים
זעקס מאָל אין דער וואָך.

*

איך טרעף זיך מיט מיין רבין,
דערפיל ווייען פון זיינע קניפּן,
דערזע דעם געלן שמייכל
אויף זיינע בלאַסע ליפּן;

אַט אין האַנט ביי אים דער טייטל,
וואָס געלערנט מיך אַן „אַלעף"
אויך שאַרף זעט אויס אַצינדערט
ווי ר' לאָזר שוחט'ס חלף.

ווען די בלייענע־שווערע הימלען
ברענגען ווינטן, רעגנס, שנייען:
צעבייזערט זיך דער טייטל מער
און שניידט די טרער אינצווייען.

* * *

מיש איך אויף אַ בלעטל גערן,
וואָס מיין זכרון וויל דווקא טראָגן:
„פון דיר אַ לייט וועט ניט ווערן"
ווי מיין טאַטע פלעג מיר זאָגן.

שטייט דאָ אויפגעשריבן —
אין אַ ווינקל פון מיין זכרון:
גרויע טעג, כמאַרנע טעג,
טעג פון מיינע קינדער־יאָרן;

איך זע זיך ביי אַ הייסן קעסל
קאָכעגדיקע פלוימען מישן,
באַפעלט די באַלעבאָסטע מיר —
דאָס קינד אין וויג באַווישן.

זאָגט זי — „גיי", זאָג איך — ניין
דאָס וועט איר ביי מיר נישט פועלן.
רוימט זי מיר אַ סוד אין אויער:
„כ'וועל דיך לעגן אויף די קוילן!"

און איר הבטחה איז מקוים:
ציילט מיר קלעפ אוים פון די בעסטע
און מיטן מעטער, פון דער קלייט
פרוווט מיין לייב אויסמעסטן.

אויפן לייב סימנים כולו בלויע
בראָטן זיי, ווי הייסע פלאַמען,
אָן אַן אָטעם, בלויז מיט ווייען
לויף איך צו מיין מאַמען.

גלעט זי און קושט מיר אוים
יעדער ווונד באַזונדער,
און אַ פאַרבאָרגענע טרער פאַלט
אויף איר בייזווונדער;

די ווייען שטילן, צי היילן —
צי אַ הייסע איז איר טרער:
בריט זי טיפער אוים די ווונדן,
פאַרסמט דער מאַמעס לעבן מער.

אַזוי געדינט ביי אַלע באַלעבאַטים
מיט וואָס דאָס שטעטל איז געבענטשט,
געוואָלט מיך מאַכן פאַר אַ סוחר,
געוואָלט מיך מאַכן פאַר אַ „מענטש"

און איך ביי יעדן פריץ דינען
פלעג נאָר וואָכן — איינע, צוויי;
מיר נמאס ווערן פלעג זייער עובדה,
מיר נמאס ווערן פלעגן זיי;

און אַזוי פון אָרט צו אָרט געלאָפן
ביז איך האָב אַ וועג געפינען
און אויסגעלערנט וואָס צו טאָן
מיט גאווה פריצים — שפּינען...

געגאָסן אין האַרצן מיינעם ליכטן —
האָט אַ תורה אָן אַ שיעור,
באַפליגלט זי מיין געוויסן
און ברייטע וועגן עפנט מיר,

און רייסט פון האַרצן אָן רחמנות
אַן אַלטן טרייסטנדיקן ניגון: —
מיט דעם ניגון און מיט איר ברוסט
האָט פאַרוויגט מיין מאַמע מיך אין וויגל...

ב.

ווי ביי טאַטע־מאַמע — אַ בן־יחיד
טייערער איז פונעם אויג אין קאָפּ
זאָג איך: לערנען וויל אַ מלאכה
אין גרויסער וועלט פירט מיך אָפּ.

פון קליינערהייט דער מאַמעס ליבע
געוווּסט ווי אַזוי אויסנוצן,
אַ טאָקער ווערן וויל איך ליבער —
מעש און אייזן וויל איך שניצן.

פיל בעטן דאַרף איך ניט די מאַמען —
פירן זאָל מיך אין גרויסער שטאָט,
ווו קוימענס הויכע קנוילן היצן
פון שמעלצנדיקן אייזן, שטאָל.

„ער זוכט אַ לייד אויף זיינע ביינער
שטאָט? נו, דאָ וואָס איז אַ דאַרף?
אַ גנב ווערן וועט ער גיכער און
ווער ווייסט — וואָס פאַר אַן אויסוואורף?!"

בייזערט זיך דער טאַטע מיינער
און וואָרטשעט אונטער דאָרט,
בעת צוואַנגען ציען מיך אַהין —
צו יענעם גרויסן, גרויסן אָרט...

נאָר ווי קען אַ קינד ניט פועלן
ביי טאַטע מאַמע, ווען עס וויל
שטורמיש גייען אויף נייע וועגן
ניט ווי זיי אויף אַלטע — שטיל...

*

פויל זיפּט אַ האַרבסטיק רעגנדל
מיר אויס עול און זאָרגן,
און, זיפּט אין האַרצן מיר אַריין
מורא און פּחד פאַרן מאָרגן.

דער הימל אַ פאַרכמורעטער שטיל
בליפּעט אויס אַ זמרל אַ דינס;
הוילט ס'האַרץ זיך אויס פון פרייד —
גייט פאַרלוירן דאָס געווינס.

און ווען ס'איז שוין צו מיר אַמאָל
דער אויסגעטרוימטער טאָג דערפלויגן —
ווערט דאָס רעגנדל אַלץ בייזער
און גיסט טרויער מיר אָן פולע אויגן.

*

מיט הענט אַראָפּגעלאָזטע איך שטיי
און מיט אברים פולע אין פיבער —
פאַר דער מורא מיט אירע גרוילן —
דעם טאַטנס שטיבל ווערט מיר ליבער!

רייסט פון האַרץ זיך אַרויס אַ זיפץ —
דערגרייכט ער צום טאַטנס אויער.
„וואָס־זשע קרימסטו זיך תכשיט מיינער
און קנייטשטס אַרויס אַ טרויער?"

גנבעט זיך אַרויס אַ צווייטער זיפץ
און צעלייגט זיך אויף מיין וועג.
גיי זאָג דעם טאַטן, אַז דער טאָג איז
גרויער גאָר פון יענע מיינע טעג...

*

דעם בעל־עגלה'ס טפּררו! צעקלינגט זיך אין די אויערן
און דאָ חברים געזעגענען שוין גייען —
אין אַלע אָדערן הויבן בלוטן אָן זיך קריגן
און אַן אומרו אין האַרצן מיר פאַרזייען.

ג.

אין אַכט שעה, פּוּפּצן ווערסט לאָזן מיר אַרונטער,
ווייניק וואָס געפאָרן קען מען זאָגן:
באַרג אַרויף — זאָלן זיך די פיס צעגייען
און באַרג אַראָפּ — גייט מען נאָך דעם וואָגן.

די פערד סאָפּען נעבעך, קיין גוטס קומט זיי ניט אַקעגן;
דער בעל־עגלה שעלט, ס׳פעלט אַ פערד, כאָטש גיי ווער אים;
פון אויבן עקשנותדיק וואַשט דער קאַלטער רעגן
און הינטן קריכט די בלאָטע אין די געדערים.

אַזוי בלי סוף האָט דער רעגן אַלץ געגאָסן
ביז אויסגעלאָשן האָט ביים הימל ס׳לעצטע ביסל שיין;
אין וואַקזאַל די דריטע קלאַס איז אָפּגעשלאָסן
און אין דער צווייטער, אַזוינע, לאָזט מען ניט אַריין.

דוכט, ס׳איז ערשט נאַכט געוואָרן און דער אַרום
דרימלט שוין, לויט זיין דורותדיקן שטייגער,
איך און מאַמע קלאַפּן אין אַלע טירען אָן —
איבער נאַכט געפינען כאָטש אַ שטיקעלע געלעגער.

לייג איך די אויסגעשיילטע שטילקייט
פון געדיכטן חושך הינטער מיין צוקאָפּנס
און אין דעם נאַכטיקן „מנוחה־ווינקל״
פאַרדעק איך זיך מיט קאַלטע טראָפּנס

ד.

מידע און אויסגעמאַטערטע
זוכט מען אַלץ אַ בעלן:
פאַר יונגע כוחות מיינע
כאָטש עפּעס זאָל מען צאָלן.

„וויפיל טעג שוין ניט געגעסן?"
פרעגט מיין מאַמען אַ באַלעבאָס,
בעת פרוווט די מוסקלען ביי מיין האַנט —
צעשמייכלט זיך און פאַרקרימט די נאָז.

אין אַ טאָג האָט די מאַמע פרייד —
פולע הענט אַהיים געבראַכט:
סוף געפונען האָט אַ זאַוואָדל
וווּ לערנען וועל איך זיך דאָס פאַך.

ה.

בלאָנקעט אין דער „גרויסער וועלט"
אַ קליינער אויסגענאָגטער גוף
און די אָנגעזאַמלטע אין בוזעם קעלט —
טראָגט ער אוים אַפילו אין שלאָף;

און די מידקייט פונעם אַרבעטס טאָג
ציטערט פאַרן בייזן הונגער —
שלינגט ער זיי ביידע אַראָפּ
און לייגט צום מויל צו נאָך אַ פינגער...

מיט איר שטילקייט פירט די נאַכט
מיך אונטער אין זאַוואָד;
און מיט איר געמיינקייט —
פלעקט מיר אוים מיין נייעם גאָט...

ווי שטיל דער גרינער בלאַט
טרינקט זיך אָן מיט זאַפט פון צווייג,
אַזוי דאָס בייזע פון יעדער נאַכט
טרינק איך אוים... און שוויג...

*

אין די גרויע ווינטער־טעג
מיט זייערע נאַכטיקע פרימאָרגנס —
טראָגן מיך די פיס אין וועג
מיט פינקען אין האַרץ פאַרבאָרגן: —

פאַרטרויען זאָל איך זיי דעם הימל...
און ער אַנטפּלעקן זאָל מיר אויך אַ סוד: —
ווער עס פירט אָן מיט דעם רימל
און ווער גרייט עס אָן דעם נע־ווגד...

* * *

אין דער עלנטקייט ווו איך לערן
אַלע קלאַנגען פונעם האַמער פאַל,
לאָזט אַ קול זיך פונעם פייער הערן:
„וואַרט ניט, אַז קומען זאָל אַליין די שטראַל"...

יונגע יאָרן

צעשפּרייט ער זיינע פליגל מיין געוויסן
פאַרכאַפּט און טראָגט מיך העט, העט...
ווי שטייגן, וועל איך, וויל איך וויסן
צווישן העלן, צי אין הינטער־פלעט?

„לינגס" קומט אַ פראַגע, זאָג איך יאָ
מיט מיר אַן אָנקער איז דער וועג...
„מיינסט אַוודאי געפינען דאָרט,
וואָס זוכסט אין דיינע פריע טעג?"

צי פינצטער איז שוין דאָ פאַר אויגן
און צי שטיקט מען דאָ אין דער שטיל,
ווי מקנא איך בין דעם פויגל,
וואָס צעשפּרייט די פליגל ווען ער וויל...

„וואָס זעסט דאָ, זעט מען אויבעט דאָרט,
דער חילוק איז ניט קיין גרויסער...
דיך באַגליקן פּרוווט מען מיטן וואָרט,
אָבער ניט דאָס בין איך אויסן:

„אויב גע̇לונגען וועט דיר מיין פריינד
אַ בענקל פאַרכאַפּן אין ערשטע רייען
איז ווי כ'זע דיך מיט אַ שטאַרקער האַנט
אַ צווייטן דעם קאָפּ אָפּדרייען

„און, ווי אַלע, פאַרגעסן אין די קליינע
און אָנהייבן גאָר אין זיי שונאים זען...
דיווירקלעכקייט איז ניט קיין ריינע,
דער חלום בלייבט אַליין נאָר שיין..."

און אָפּן הארץ

מיין חברטע

אין פֿולן בלי, צווישן פֿלאַנצן זוכנדיק אַ בלום —
צעוואָרפֿן כ׳האָב דאָס שענסטע וואָס פֿאַרמאָגט: —
זאָל ריין פֿאַרן אָטעם זיין די לופֿט אַרום
און איר צויבער — אין אַ גרויען טאָג...

ווי די בין געפֿינט אין בלימל וואָס זי וויל,
אַזוי געפֿין איך אין האַרצן אירן מיין געזאַנג;
וואָס איז מיאוס געווען אין מיר און ווילד —
איינגעאָטעמט שטיל, שטילער פֿון דער זונאויפֿגאַנג...

און מיט מיינע ווייען טיילן, ווי זי ווייסט —
מוטיקער, ווען אַ צעבראָכענער איך פֿאַל אַוועק...
ווי אַ מאַמע גלעט אויס אַ נייע וווּנד און טרייסט,
בעת כ׳פֿאַרכלינע זיך אין ביטער אויף מיין שווערן וועג!!!

געדענק

רותן

ווען די געגאַרטע הויך גרייכן וועסט אַמאָל
און פֿאַרהילן זיך אין איר בלויער העל —
געדענק, אַז ס׳אָטעמט שטיל אַ בלום אין טאָל...
און הויכט איר ריינקייט פֿאַר דיין שוועל...

און שיקט איר ליבע נאָך דיין ווייטן פֿלי,
נאָר מאָנט פֿאַר זיך אַ שטיקל הימל אויך...
מאַך ניט צונישט איר שווינג, איר מי!
ווי דו, וואַקסן וויל זי אין דער הויך...

און אויב איר פֿעלן וועט דער הימל־בלוי
און איר מאָן וועט בלייבן ניט דערהערט:
וועסטו פֿריינד אויסזען פּונקט אַזוי,
ווי דער בוים מיטן שורש זיינעם אויף דר׳ערד!...

יאָר 1950

די בלום...

איך האָב ליב די בלום:
פאַר איר שטילן בלי,
פאַר איר צאַרטן ריח
און פאַר איר טרייסטן־גלי!

איך האָב ליב די בלום:
פאַר אירע דריבנע קאַרבן,
פאַר איר סאַמעטן אַרום
און פאַר אירע רייצנדיקע פאַרבן!

איר העלער פלאַך —
איז מיר נאָנט, טייער
ער שנײַדט מיר אויס אַ שליאַך
צו די הייכן פרייע!...

איך האָב ליב די בלום
פאַר איר טרוימערנדיקן בליק,
פאַרוואָס־זשע בלייב איך שטום
פאַר איר דערלאַנגטן גליק?

אָט אָ די געליבטע גאָר,
וואָס פאַרכישופט מיך,
טולע איך צו מיין ליב נאָר,
אַזוי פאַרוויאַנעט ווערט זי גיך;

פאַרלירט איר העלקייט, פרישקייט
און אירע צויבער פאַרבן
פאַרדאָרבן ווערן אויף אַמאָל
און איינציגווייז אָפּשטאַרבן...

זענען בלומען אומעטום
אַרומגערינגלט מיט אומוויסן?
צי פעלן זונען דעם אַרום
זאָלן צייטיקן דעם געוויסן?

ליב האָב איך די בלום,
וואָס בליט אין מיין קאַנט
און איך בין נאָך ניט פעיק
זי נעמען אין מיין האַנט?!...

צי דער באָדן גאָר איז
פיינטלעך אין מיין געגנט?...
צי אַ גליענדיקע קעלט
מיין בלום האָט דאָ באַגעגנט?...

*

ליב האָב איך די בלום:
פאַר איר שטילן בלי,
פאַר איר צאַרטן ריח
און פאַר איר טרייסטן־גלי!...

און אָפּן האַרץ

איך האָב מיין האַרץ פֿאַר אייך דאָ אויסגעהוילט
און אַ ריינע ליבע אויפֿגעהאָנגען אויף איער טיר:
אַז באַגעגענען זאָל מען מיך דאָ, ווי עס באַגעגנט אַ גביר
אַן אָרעמאַן, אַ קרוב זיינעם, מיט אַ קאַלטן שמייכל אויפֿן מויל.

היתּכן? פֿרעגן איז ניטאָ ביי וועמען, דער אויער
איז וואַך פֿאַרן פֿאַררעטער און פֿאַרן עבד...
און אויב דו געהערסט נאָך צו אַ געוויסן שבט —
עפֿענען זיך ברייט פֿאַר דיר טיר און טויער...

„גאונים", הינטער וועלכע פֿלויטן פֿלאַטערן אייערע פֿאָנען?
מיך איבעררעאַשן ניט די פֿאַרבן פֿון אייערע ניט דערבליטע בלומען...
ניט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט איך בין אַהער געקומען,
כ'זאָל ביי אביונים אַ שטראַל פֿאַר מיין נשמה מאָנען...

יאַר 1957

שטילער טרויער

מיט שטילע טריט, אויף שטילע וועגן
און מיט אַ שטילן טרויער אונטער ברעמען
טראָגט דער טרוימער ליבע אין האַרצן
פאַר קליינע און גרויע היימען.

ווען מיט גוטן און ווען מיט בייזן, —
וועמען בענטשן און וועמען שעלטן
און ווו מ׳דאַרף — טרייסט ער גערן,
רעכט און יושר מאָנט ביי וועלטן.

ווי אַ צייטיקע בתולה שטיל
נאָך איר ליבע שמאַכט און בענקט
אַזוי בענקט ער נאָך אַ פרייען אָטעם,
בעת שטיקט זיך מיט דער גיפט פון שלענג

מיט שטילע טריט אויף שטילע וועגן
זוכט פאַר טרוימען זיינע אַ ניגון;
ווי פינצטער זאָל די נאַכט ניט זיין —
איז חלומות זיסע אים פאַרוויגן.

גלעט אַ וווּנד, גלייכט אויס אַ רוקן,
ווישט אַ טרער אָפּ, שמייסט אַ פּלוידער...
און שפּייט מיט סם אויף יענע ליפּן,
וואָס זאַמלען פּעטקייט פאַרן גוידער.

* * *

מיט שטילע טריט, אויף שטילע וועגן
און מיט אַ שטילן טרויער אונטער ברעמען
טראָגט דער טרוימער ליבע אין האַרצן
פאַר קליינע און גרויע היימען.

דאס בריוו־קעסטעלע

ווען מיד איך גיי פון אַרבעט שוין אַ היים
אַ האָפענונג צעיאָגט ס'האַרץ אין מיר:
אַ בריוו געפינען אין קעסטעלע דעם,
וואָס הענגט לינקס אויף מיין טיר!?

אַ גרויסע בשורה וועט מיר ברענגען
פון מיין בת־יחידה, מיין איינציק גליק
און אַ קאַרגע פרייד וועט אויפהענגען
אויף מיין מידן אויסגעבענקטן בליק?!

ווי! אַ פאַרקילטער פאַלט ער ווי אַלע מאָל
אויפן קעסטעלע, וואָס הענגט אַליין
פאַרשעמט — ס'קען שוין אויך ניט מער
צרות מיינע אַזויפיל זען...

וויפיל יאָרן אַזאַ בענקשאַפט
קען אַ טאַטנס האַרץ אויסטראָגן?!
און מיינע האָפענונגען אָפגענאַרטע
ביזן לעצטן טראָפן בלוט אויסנאָגן!

יאָר 1952

פארוואס אזוי גאר

פלוצים ווערסטו גאָר אַ פויגל,
אַז לאָזן זאָלסטו מיך דאָ אַליין —
בענקשאַפט טראָגן פולע אויגן
פאַרוואָס אַזוי גאָר איז געשען?

מיט זיך געטראָגן האָסט מסתמא,
ערגעץ אויסבאַהאַלטן, אַ מיין —
נאָכקומען כ'וועל מיט דער מאַמען
פאַרוואָס אַזוי גאָר איז געשען?!

כ'בענק און וויאַנע שוין יאָרן דאָ
און וואַרט אַליך אויף אַ טויען־פּאַל...
אַ האַרץ, בעת טרוימט נאָך אַ לעצטער שעה,
בלייבט עם פרעמד דער זונען־שטראַל...

מיר קומט פון דיר נאָר מיין נחמה,
ווי צום צווייג די זאַפט פון שורש;
כ'זע ניט וו'אַזוי צו דיר זאָל קומען,
סיידן מיטן שם־המפורש

ניט קומען זאָל צו זיך אַ היים,
נאָר לאָזן, אין עלנטקייט אַליין,
מיין טרער זאָל פאַלן אין געהיים!?
פאַרוואָס אַזוי גאָר זאָל געשען?!

דו, הפקר ערגעץ אין אַ „נאָענטן" דאָרט,
אַז טאַטע־מאַמע זאָלן דיך ניט זען
און אַליין זיך שטיקן מיטן וואָרט!?
פאַרוואָס אַזוי גאָר זאָל געשען?!

פאַר וועלכער זינד, פאַר וועמענס זינד
טוט מען דאָס און אין וועמנס נאָמען: —
ניט טאַטע־מאַמע צו זייער קינד,
ניט ס'קינד צו זיי זאָל קומען!?

פאַרוואָס זאָל זיין, זאָל זיין אַזוי
פוסט דער קלאַנג פון טאַטע־מאַמעס „אוי"
און די בענקשאַפט פון זייער קינד
זאָל מען לאָזן מיטן ווינט!?

אין מדבר נאָר קען אַזוינס געשען,
ווען נאָך אַ טראָפן שמאַכט דער גומען
און ניטאָ ווער זאָל דיין צאַפּל זען...
איז פון זאַמדן זאָל אַ הילף דיר קומען?

*

ווערסטו פּלוצים מיר אַ פויגל,
אַז בלייבן זאָל איך דאָ אַליין
בענקשאַפט טראָגן פולע אויגן
פאַרוואָס אַזוי גאָר איז געשען?

יאָר 1953

ב ר י ו ו

(פראַגמענט)

דיין בריוו באַקומען האָב איך היינט,
ווי די זון דיין כתב האָט זיך צעשיינט
פאַר אויסגעבליקטע אויגן אין אַ ווינטער נאַכט
און פאַר אַ האַרץ, וואָס ליידט און בענקט,
און נאָך אַ פרייען אָטעם שמאַכט;
האָט דער ווינד אַ גלעט געשענקט,
און אַ שוואַרצן פלעק האָט אָפּגעמעקט,
און ווי אויפסניי צום לעבן וועקט
און ווי ניט ווי — אַ שטאָך געטאָן
לויט דיין ווילן פון דעמלט־אָן —
האָסט אַ וועג זיך אויסגעוויילט...
וווּנדן אָפענע ווערן ניט פאַרהיילט.
אויף דיין בילד איך וואַרט אַ צייט,
און ווי ווינד און ווייַ איז מיר
זינגט דיין קול איך הער פון ווייט
און קען דיך זען נאָר אויף פּאַפּיר!

ווייזט אוים עס איז מיר שוין אַזוי באַשערט:
אין פּיינען ווייקן ביז די ערד
באַהאַלטן וועט מיך אין איר שוים,
אפשר דעמאָלט קומען וועט מיין קינד
און קלאָפּן זיך פֿאַר מיר על חטא...
זאָל כאָטש ניט זיין די שעה צו שפּעט
און ניט צו גרוים און שווער די זינד!

יאָ, ווי איך האָב אַמאָל דיר צוגעזאָגט —
ס'האַרץ מיינס ווייזן און וואָס עס טראָגט;
און אַז אַ האַרץ צעריסן איז אינצווייען
וואָס־זשע קען מען אין דעם פֿאַרזייען
אין קורצע ווינטער טעג נאַסע, גרויע?
אויך ביי דיר אויף הראה
ווי וואַרעם איז און העל דער אָטעם?
צי אויך אויף דיין וועג שטייט דער שטן?

פּרוּוון וועל איך אין קורצע שורות
ווייזן דיר, ווי מעגלעך מיר איז —
ווי גרויע שאָטנס בלאָנקן אום
פֿרעמד און עלנטע אין דעם אַרום,
און איך בלאָנקע ביי זייער זייט
ווי מיינע זיידעס אין זייער צייט,
און זוך אַן אָנשפּאַר ווו אויסרוען
אַ בינטל יאָרן, כאָטש אַ פּאָר שעה'ן...

און ווען איך גיי אַרוים אין פֿעלד
זוכן, וואָס מיר לאַנג שוין פֿעלט,
ליגט עס נעבעך אָרעם אָן אַ שטראַל

און שמאַכט נאָך אַ טויער־פֿאַל...
ס'ברויזט מיט אומעט, טרויער, נאַסער קעלט
און אין האַרצן פֿרעסט, שווערער ווערט
דעם צאָרן זען פֿון אַ טויטער ערד...

ס'איז אַלץ גרוי... פֿייגעלעך אָנגעבלאָזן —
קושן אויס די טויטע גראָזן;
ציפּן, טאָרען, ווי פֿון שלאָף זיי וועקן
און אַז קענען דאָך זיי ניט דערוועקן?
קומט אויף זיי אַ בהלה
און פֿליען אָפּ מיט אַ ילולה...

אויך זיי בלאָנדזשען אין דעם קאַנט,
אין זייער וויטן פֿלי —
האָט אַ רשע זיין בייזע האַנט
געשטרעקט צו זיי... אַראָפּ פֿון וועג
איז וויפֿיל בלאָנקען זיי דאָ שוין?
האָט די קעלט זיי דאָ פֿאַרהאַלטן,
פֿעלן נעסטן זיך אויסצובאַהאַלטן...
שפּרינגען זיי אַהין און צוריק
מיט וויפל טרויער אינעם בליק!?
און איינגעהויקערטע פֿאַר קעלט
טרוימען, טרוימען נאָך אַן אַנדער וועלט...
בענקען נאָכן בלימל, נאָכן צוויט —
אַז זינגען זאָלן פֿאַר זיי — זייער ליד.
אַזוי עלנטע פֿליען דאָ און דאָרט, —
פֿאַר פֿרעמדע איז ניטאָ קיין אָרט...

. . . .

. . . .

וווּהין איך גיי און וווּ איך שטיי —
דאָס זעלבע בילד אין גרויען כ'זע:
הענט געשטרעקטע מיט דאַרע פינגער,
אויסגעמאַטערטע פון בייזן הונגער.
הענט און הענט, הענט און הענט —
ווי שוואַרצע שאָטנס אויף די ווענט.
וויי, וויפל הענט! אַ גאַנצער וואַלד!
אַ הייסע טרער פון אויגן פאַלט. —
זיי האָבן שוין קיין כוח ניט מער
זיך האַלטן אויף דער טויטער ערד.

מאַזאָלעס גרויסע אויף אָט די הענט
און ווי פיל דאָ איך דערקען!?
יעדער האָט אויף וואָס צו בעטן.
איינער חושד איז דעם צווייטן...
פאַרוואָס זאָלן הענט אַזוי
הפקר זיין ווי אויפן וועג אַ שטרוי?!

. . . .

ש ק ר שטעלט אַרויס די צונג
און ציט נ ק מ ה אין זיין לונג...

. . . .

פון גרויס רחמנות אויף זיך אַליין
און אויפן אָרעמקייט, וואָס אויגן זעען —
פאַלט נאָך אַ טרער אַריין אין כוס.
פרעגט דען ווער, פאַרוואָס...

מיין שכן אַ פאַרשעמטער שטייט איינגעפרוירן,
אַ בעוולטער און אַן אויסגעהוילטער —
זיין לעצטן בטחון האָט שוין אויך פאַרלוירן?

עס פייטשען ווינטן, עס שמייסן רעגנס...
און אַז מ'איז שוין אונטערוועגנס —
איז יעדער מיינט מחילה בעטן,
שעמט זיך אָבער איינער פאַרן צווייטן.
אויסגעווייקטע, מיט קעפּ געבויגן
לאָזןביידע אַראָפּ די אויגן...

. . . .

איז וווהין איך גיי און ווו כ'שטיי
דאָס זעלבע בילד אין גרויען כ'זע:
ווי בלומען כלערליי קאָלירן
זייער אָטעם האַלטן אין פאַרלירן,
אַ טייל האַלב טויטע דאָ שוין ליגן...
מ'פּרוּווט מיך דאָ פאַרוויגן
אין חלומות אויסגעחלומטע פאַר צייטן;
אַ טייל ס'לעבן אויף מטבעות דריבנע בייטן...
אין „עולם הבא" בעלונים נאָך צו געפינען —
איז פאַרוואָס־זשע זאָל מען ניט פאַרקויפן?
ביי אַ טייל זענען טעג שוין אויך געציילטע
(דאָ ווייניק זענען אויסדערוויילטע)
גיך אַ פּרעסטל וועט אָנלויפן
מיט זיינע אַכזריותדיקע האָסן
און דורכאויס באַדעקן
מיט שניי און מיט אייז זיי...

און די צאַרטע כריזאַנטעמעס
שאָקלען תפילות אויס דער קעלט:
„דו אַליין ביסט כולו אמת".
אַבי זיי לאָזן אין זייער וועלט...

. . . .

און אין מיינע ד׳ אמות —
דאָס זעלבע בילד פון פעלד — אַרום איז...

די מאַמע גייט אום אָן אַ קאָפּ,
לאָזט אירע הענט שוין אויך אַראָפּ.
זי האָט שוין נעבעך ניט קיין כוח
בויערן, דרייען זיך אוים דעם מוח.
אין האַרצן בלוטיקט אַן אַלטע ווונד: —
ווי אַזוי זאָל קומען צון איר קינד.
פאַרקוקט זיך פּלוצים אין דער ווייט,
אַז קיין ברייוו פון דיר האָט ניט אַ צייט;
ווי שאַרף דער ווייַ ווערט אויף אַמאָל:
ווען זי צעוויינט זיך פּלוצים אויף אַ קול.
מיט גרויס רחמנות איז איר געוויין —
ס'איז שווער אים הערן, שווערער זען.
איך שלינג אַ טרער פון אירע אויסגעוויינטע
און גלעט איר שטערן — זי זעט אוים אַ פאַרשטיינטע,
און פּרוּוו זי טרייסטן מיט אַ וואָרט,
בעת אַליין געפין זיך ניט קיין וואָרט.

. . . .

אַך טרוים זיסער, גוטער פריינט!
פון ווייניק — איינער, מיר ביסטו היינט.
נאָך דיר געגאַנגען בין טאָג און נאַכט,
קאָלטס און וואַרעמס דורכגעמאַכט...
געוויזן האָסט מיר שיינע וועלטן,
מיך געלערנט בענטשן, מיר געהאָלפן שעלטן
און סודות וויפל מיר אַנטדעקט,
נאָר וואָס איך זוך אין אַלע יאָרן —
איז מיר ביז איצטערט ניט אַנטפּלעקט!...

מיר דאַכט איך גיי נאָך זיינע שפּורן...
אין וועלכע הימלען דאַרף איך פליען,
אַז גרייכן זאָל צו יענע הייכן
וווּ אמתן נאָר קענען בליען?!

מיט דיר בין דאָרט שוין אויך געוועזן,
וווּ אויסגעמאַטערט האָב מיין וועזן.
פון סאַמע אָנהייב — פון באַגינען
איך זוך און זוך און ניט געפינען...

. . . .

איך וויל צוריק אַהין — אין פּראָסטן פעלד:
וווּ שטיל און ערלעך איז אַ וועלט,
וווּ עס רוט די הייליקייט אַרום,
וווּ צווייפנמדיקייט — אַ געליימטע, שטום;
אַלץ דאָרט געלייטערט איז און ריין,
און טראָגט אַ בראשיתדיקן חן.
פיר מיך טרוים, צוריק וווּ ס'איז שיין!
קום! ביסט דאָך גוט, זאָגסט קיינמאָל „ניין"
אָט מיין האַרץ, איך בעט דיך נעם עס
און טראָג עס אָפּ דעם געזוכטן אמת;
אַז ברענגען זאָל הער אַ זון שוין אויכעט
און אין מיט פון אַלע מיטן זאָל אויפהענגען...

. . . .

און העלער זאָלן ווערן וועגן!
און איך? און הונדערטער אַזוינע איכן
מיט ליבע, דעם טאָג, וועלן גייען אַקעגן!

. . . .

„דו שטייסט און גייסט אין דיין־צוריק" —
מיר לאַכט מיין טרוים אַריין אין בליק.

נ י י ן! ניט דאָס פּראָסטע פעלד איך זע דאָ:
ווו די שטראַל אין בלום געפינט איר רו
און ווו גראָזן פריש אין טוי געצוואָגן
אַ תּפילה'דיק געזאַנג אין הימלען טראָגן,
נאָר צעשויבערטע און באַפלעקטע,
קויטיקע און אָפּגעוועלקטע,
ווי יענע בעטנדיקע הענט — געשטרעקטע...
וויי! אויסגעביינערטע פינגער —
סימנים פונעם בייזן הונגער;
הענט און הענט, הענט און הענט —
ווי שוואַרצע שאָטנס אויף די ווענט,
ווי פיל איך זע! אַ גאַנצן וואַלד
און אַ הייסע טרער פון אויגן פאַלט.
ש ק ר, ש ק ר, דו, דו פּראַוועסט נאָר.
איז ווו? ווי ביטער איז די וואָר!

. . . .

זיי מיר מוחל! איך האָב גאָר פאַרגעסן,
אַז איך האַלט אין מאָלן דיר מיין ווינטער.
אַזוי איז, אַז מ'געפינט זיך אויפן צווינטער*
גלוסט זיך שוין ניט אַפילו טרינקען, עסן
ניט נאָר צייכענען, מאָלן בילדער.
דאָ, דער בעסטער ווערט בייז און ווילדער,
אַז אימער שטייט ער פאַרן מזבח...
פאַר אַזאַ־מין „אמת" אָט דאָ שטיי איך.
פּלוצים בין איך גאָר אַריין אין אַ שמועס
מיט מיין פריינט, ווי ס'וואָלט געווען שבועות,
דעמלט נאָר גלוסט זיך אַזוי מיר פליען

---

* בית הקברות

איבער פעלדער, סעדער — ווען זיי בליען;
אַ פאַרשיכורטער אין פרילינגס ריחות: —
גט איך זיך אָפּ, אויף אַ צייט, מיט מיינע „איכה׳ס"
שטאַרקער ווער און לייכט, און ווי עס וויל זיך פליען
ווייט פון ווייען, טרויער און אומזיסטע מיען!

. . . .

ווי איך זע אַ ציטער בלאָנדזשעט אום, ליובע מיינע,
אויפן געטאָקטן נעזל, ווי ביי דער מאַמען דיינער
און די רויטע ליפּעלעך, ווי רובינען,
גיפט טראָגן ווי צערייצטע בינען:
ס׳טייטש אָן אַ זון איך מאָל אַ הימל קאַלטן,
אַ גרויען מאָרגן, נאָך גרויער פונעם היינט!?
ווער אין תהום האָט די זון באַהאַלטן?
ווער האָט די שאַרף געפרווט אויפן האַלדז פון פריינט?
אַז ס׳איז ניטאָ אַפילו ווי אַ שטראַל אויסבאָרגן —
איז ווי אַזוי־זשע קען איך זען אַ וועג צו אַ העלן מאָרגן?
אין וועלכע פאַרבן זאָל איך מאָלן
גרויע שאָטנס אין וויסטע טאָלן?!
און ווען לאַיבוד גייען בלוטן, שווייסן —
איז ווי אַנדערש זאָל דער גיהנום הייסן?!

אַ בייזע, ווי איך הער דיך שרייען,
פון דער ריינקייט זיך באַפרייט
און אין האַרצן ברייט צעעפנט טויערן: —
אַז פאַלן פאַר די געטער דיינע כורעים...
און פון צעבלעטערטע זייערע ספרים,
איבער גליק און איבער פריידן,
מיט דיין מויל זיי וועלן זייערע תורה׳עס
אויף טעלערלעך צעלייגן און ווייזן דעם גן־עדן...

ווײ! ווי שאַרף שטעכן אויסגעהוילטע רייד
און ווי זיס אַפילו זאָלן זיי ניט זיין
בלייבט נאָכהער אַ ביטערקייט אין טעם...
אַז מיט בלויזע שקרים לאָדט מען אָן דעם וואָגן —
צווייפלען הענט, צי דעם גורל ווייטער זאָלן טראָגן...
ווערט די טרער אַן אָפּטער גאַסט —
איז שווערן דאַרף מען נאָך ביי ווערמען:
אַז פאַלש איז פונעם אָנהייב ביזן סוף?!
ווערט דאָס וואָרט, ווי דער חלף פאַרן עוף...

און וויפיל, וויפיל נאָך אַזוינע
קריצן ציינער צו דער זונה?!
מעג מען ביזן טאָג די תורה לויבן —
ניטאָ שוין ווער צום געפינען, זי טראָגן
אין האַרצן זאָלן פאַר אַ גלויבן...

. . . .

. . . .

געווען אַמאָל די תורה אַזאַ:
מונטערט, וועקט, פרישט אָפּ דיין אָטעם,
צעגליט אַ פונק, צעצינדט אַ פלאַם;
אַ דימענט איז איר יעדער אות —
דרויבלען זאָל דעם כוס פון סם...
גלעט אַ ווונד, שלעפּט איין ווייען,
ברעכט דאָס אייז, גלייכט דיין רוקן,
פרישט דיך אָפּ אין אירע קוואַלן,
שעפּט די שוואַרצקייט אויס ביים אויג
מיט אירע ניט זעעוודיקע שטראַלן;
מוטיקט און שעפּט אויס מניעות ווו מ'דאַרף,
חניפה און געמיינע צביעות

ווערט פאַרשניטן פון איר שאַרף;
אַזוי מיט שטילע טריט צום גרויסן ליכט
פירט דיך אויף איר וועג
אין סאַמע שווערסטע, גרויע טעג;
גייט פון האַנט צו האַנט אַריבער
און ווערט, פון אַלע ליבע, ליבער...
אַז מ׳ווערט געלייטערט פון איר באַריר
איז וויפל האָפענונגען מ׳לעגט אין איר?!
שונאים, — גרויס און קליינע, אויף צו להכעיס
הערצער איר שיקן די ליבע זייערע ריינע
און ווערט ביי זיי אַ גלויבן אין דער וועלט...
און ווען צעשטראַלן זאָל אַ זון אין פעלד
קומט אַ שד און מאַכט זי טמאה...
טיילט די שכינה פון איר זיך אָפּ —
בלייבט פון איר שיינקייט ניט קיין סימן —
פאַלט זי פון איר מדרגה אַראָפּ;

אַן אויסגעווייקטע אין בלוטן, טרערן
וואָלגערט זיך שוין אויף וויפל ערדן?
און האַלט זיך אויף דער שאַרף פון שווערדן.
זי באַגעגנט קאַלטע בליקן, האַס און עקל —
איז ווי איר גורל? אַ בוים ווי באַלד
ער גיט ניט מער קיין פרוכט, קיין שאָטן
איז ניטאָ מער פאַר אים אַן אָרט אין גאָרטן.

. . . .

די תורה האָט צו זיך אַ צווילינג —
איר בלי איז פריש ווי די בלום אין פרילינג,
שאַרפט מיט שכל אויס די בליקן,
צום גרויסן ליכט לעגט זי בריקן —

דאָס געזוכטע צום געפינען —
ניט תמיד מוז דער טראָט זיין אַ שטילער,
ווי אין איר באַגינען;
מיט אַ ריינער ליבע הילט דיך איין —
ווו ס'איז ליבע — איז סיי־ווי שיין...
אין שיינקייט בליט דער אמת ריין —
זי איז ערשט די תורה אין ווערן:
פאַרן ריינעם האַרץ און קלאָרן שטערן...

. . . .

זיי געזונט און שטאַרק מיין קינד,
דו ביסט מיין אויסגעבענקטער שטראַל
נאָך אַ דערפרישנדיקן טויען־פאַל...
אין מיין מאָרגן בין איך — דו,
דיין צאַרטער דופט מיר שענקט מיין רו!

. . . .

. . . .

ווען מיך ניט...

ווען מיך ניט אין רגע'ס מיינע שטילע,
ווען איך הער זיך אין אַ ניגון איין...
ווי טרויעריק ער זאָל ניט זיין אַפילו —
גרייכט צום האַרצן אַ טרייסטנדיקע שיין...

ווען מיך ניט — אויף אויגן קומט דאָך סאַ־רווי ניט דער שלאָף,
אַז קאַרבן גראָבן טיף זיך איין אין ריינע הענט...
דו בייזערסט זיך, וואָס כ'וועב אַ טרוים און האָף...
אויפן פייער האָב איך מיינע געטער לאַנג פאַרברענט...

ווען מיך ניט, אומזיסט פאַרלוירן גייען וועט דיין מי
כ'זע אין רוים פלאַטערט אירע פאַלדן אוים אַ פאָן,
אָבער ווי גרוי זעט אוים דער שענסטער אינדרפרי,
ווען אַ וואָלקן שטעלט זיך פלוצים פאַר דער זון?!

ווען מיך ניט מיט פאַלשע, שיין־באַפּוצטע רייד,
וואָס שיטן אויפן קאָפּ שווערע גרויע טעג;
ווער האָט אויסגעלאָשן דעם מענטשנס פרייד?
אַ פאַריתומטם זוכט מיין האַרץ אַ נייעם וועג!...

און אויב דעם געזוכטן וועג געפינען וועל איך ניט
און אַלץ אין פינצטער בלאָנדזשען, ווי איך בלאָנדזשע אַצינד:
וועל איך שטאַרקער ווערן פון גראַניט
און בייזער פונעם ווילדסטן, שטורעמדיקן ווינט!...

פאַרלאָזטע נעסט, דיינע פויגל הייבן־אָן שוין זיך צעפליען
און די פרווּוּסטע זיך שטאַרקן — אויפן שקר האַלטן;
פאַלן אין אַ טאָג אויף דיינע אויגן וועלן שווערע וויעס
און פאַרשטומען וועט דיין קול, אין מיסט — דאָרטן
וועט מען עס באַהאַלטן...

. . . .

וועק מיך ניט אין רגע'ס מיינע שטילע,
ווען איך הער זיך אין אַ ניגון איין...
אויב דערגייין צו טויערן מאָרגן וועט אַפילו —
טראָגט ער היינט דעם האַרצן אַ טרייסטנדיקע שיין...

יאַר 1953

פ ר י ל י נ ג

פרילינג, יעדעס מאָל ווען וואַרפסט פון זיך אַראָפּ
די קליידער דיינע קויטיק־אָרעמע, ענג־פאַרצויגענע:
וואַכט די נשמה מיינע אויף פון אַ שווערן שלאָף —
אַ מאַטע, אַ פאַרכמורעטע און פון קעלטן אַן אויסגעזויגענע...

און ווען דיין בליק הויבט ס׳וויעלע ביי פייגעלעך
פאַרשטאַרטע איינגעפרוירענע:
זוכט די נשמה מיינע אין דיר
אירע האָפענונגען לאַנג־פאַרלוירענע...

און דו פרוווסט מיך טרייסטן מיט אַ חנדל, ווי אַמאָל
מיך פאַרבישופט האָסט מיט טויזנטער פאַרבן...
אָבער מיט וואָס בלייב איך גאָר ווען דו פליסט אַוועק
מיטן בלי און די צוויטן איינציגווייז אָפּשטאַרבן!?

און נעמסט ביסלעך־ווייז די יוגנט מיינע מיט מיט זיך —
שטויסנדיק מיך אַלץ צו יענע לעצטע טויערן —
מיט אַ שטערן אַ צעאַקערטן און מיט אַ קאָפּ אַ פאַרשנייעטן,
בעת דו קומסט יעדעס יאָר יונג און פריש און ניי־געבוירן!?

פרילינג, בעת וואַרפּסט פון זיך אַראָפּ
די קליידער דיינע קוויטיק־גרויע —
צינדסטו אין מיין אויג אַ פלעמל אָן
און אין צווייטן לעשסטו אויס אַ טרויער

געבענטשטע, בלייבסטו פאַר דור דורות דאָ
יונג און פריש, פריש און העל
צינד שוין אין הערצער אַ ליבע אָן
און ווייז דיך שוין אויף יעדער שוועל!...

ערשט נעכטן...

ערשט נעכטן איז ער געקומען מיר זאָגן,
אַז כ'האָב ניט קיין אָנקער מיט קיינעם אין וועלט;
אַז מיר אַליין איז געבליבן דעם נאָמען דאָ טראָגן
צווישן פרעמדע אַ פרעמדער אין עלנטן פעלד!?

אַז די נאָר געהערן צו מינים, צו שטאַמען:
וואָס האָבן אי הימל און באָדן, אי רעגן און זון;
אַז מיינע כוחות פאַרשפּרייטע איבער ערדן און ימען —
אין שוימען פון כוואַליעס שווימען אַרום;

אַז ס'איז ניטאָ מער די פּעדים וואָס בינדן
קינדער פון איין טאַטע־מאַמען זאָלן ניט זיין;
אַז ווייען פילן נאָר די ביי ווען די ווינדן
שניידן זיך טיפער אין זייערע קערפּערס אַריין;

אַז עס קער זיך ניט אָן מיסטער יצחק שאַפּיר,
אַ וויכטיקער דרייער אין „אַמעריקן הויל"
מיטן שוסטער רחמיל, וואָס קריכט אויף די פיר —
פאַרדינען ער זאָל זיך ס'ברויט פאַרן מויל.

איז דען ניט הייליק דער אָנקער שלומעלע שניידערס
מיט היימלען זיין זון — אַ חלוץ אין ישראל?!
און ווי נאָענט די לופט איז אים אין ווייטער קאַנאַדע —
ווו עס אָטעמט זיין ברודער רפאל?!

און נאָך פאַרגאַזטע און דערשטיקטע מיליאָנען
גיט ער זיין קלאָג שוין יאָרן ניט אָפּ —
אין די אַלע פאַרשניטענע פאַרגעסן ווי קאָן ער!?
מיטן טרויער ער לייגט זיך און שטייט מיט אים אויף!

און נאָך פון אַן אמת אוודאי ער ווייסט:
אַז ישראל שטייט מיט דער שווערד ביי זיין טויער
און היט מיטן בלוט זיין באָדן, הימל און שווייס!?
ווי זעט ער פאַר אים נאָך אַ הימל אַזאַ בלויען?!

*

פונעם אמת אַלץ לויפן איז ניט קיין ווונדער,
אַז בלענדן ערלעכע בליקן איז גאָר אַ כוונה...
פון בראשית זענען משה'ס און שלמה'ס געקניפּט און געבונדן
און איין האַרץ ציט זיך צום צווייטן ווי צו דר'ערד די לבנה.

טיף גראָבן זיך ווערטער אַזוינע איין אינעם וועזן
און שניידן דאָס האַרץ דיינס אינדרייען!
פאַרוואָס ווערט גאָר געבוירן אַ צונג אַזאַ בייזע,
אַז דאָס הייליקסטע אין דיר זאָל באַשפּייען!?

* * *

היינט קומט ער מיט אַ רוף גאָר צו מיר:
„יצחק, שלמה, רפאל און נאָך ווי דו הייסט,
ביסטו אַ סוחר, צי ביסט אַ באַנקיר,
צי פאַרדינסט דיין ברויט מיטן שווייס

„פֿאַרגעם ניט אוישוויץ, קאַצעטן, תּליות אין וואַלד
ווו מ'האָט דײַנע ברידער געקעפּט און געברענט
גיי אַרויס אויף דער גאַס און שריי אויס אַ „גוואַלד" —
מ'לעגט ווידער דעם דײַטש געווער אין די הענט!"

* * *

ערשט נעכטן איז ער געקומען מיר זאָגן,
אַז כ'האָב ניט קיין אָנקער — אַ פֿרעמדער אין פֿעלד,
אַז הײַנט זאָל ער פֿעדים אַקעגן מיר טראָגן,
פֿעדים וואָס בינדן מײַן פֿאָלק אין דער וועלט.

יאַנואַר 1955

וואלקנדלעד

קליינענקע וואָלקנדלעך טראָגן זיך אימהדיק
אין פריען געדאַכטן קאַיאָר...
די נאַכט האָט זיי אָפּגעשוואַכט, גייען זיי אומעטיק
און זוכן משיח׳ן ביי טויערן פון טויזנטער יאָר...

שטיל טרוימען זיי, נאָך שטילער באַוועגן זיך
(אויסגערוטע קענען קיין מידקייט פאַרשטיין)
אַ פרייד טראָגן זיי אַ שטילע אַקעגן דיר
און אויף שפּיץ־פינגער גייען מיטן גורל אַליין...

אַז זאָלן חלילה ניט די לבנה אָנרירן,
אַ פאַרצאָרנטע לויפט נאָך איר באַגער:
זאָל ווייטער אין תהומען וועמען שוין פירן?
לויפט נאָך די נאַכט און טרעפן זיך ניט מער...

שווימט די לבנה אין איר אייגענעם טרויער
שוין אירע לעצטע רגע׳ס פאַרטראַכט: —
אין דער נאַכט, וואָס הענגט אויפן טאָגיקן טויער,
צו די וואָלקנדלעך, וואָס ווייזן דער וועלט שוין זייער מאַכט...

יאָר 1947

זאגן וויל איך דיר

זאָגן וויל איך דיר מיין פריינט,
כאָטש דו ווייסט עס גוט אַליין:
אַז באַטעמטער ווערט דאָס לעבן היינט —
אויב שטעלסט דיין מי אין קאָן אַריין...

צעוואָס גאָר שווימען אין ימען זאָרג
מיט פאַרלייגטע הענט?
פאַר אויגן דיינע — אַ שמייכל באָרג
און קנייט ס'ליים פאַר נייע ווענט!

שאָב און רייניק אוים דעם שימל,
וואַרף אין פייער אַלע מניעות;
ברויטן פאַלן ניט אַראָפּ פון הימל,
ווינטן ברענגען ניט ישועות...

יאָר 1946

ביים טייך

פערעלען

קומט אָן אַ ווינטל פון מערב צום טייך:
צעוויגט עס אים שטיל אין זיין וויגל —
גליטשן זיך כוואַליעס צום ברעג מיט אַ לאַך —
צעשפּרייט אַ דערמוטיקטע טויב אירע פליגל —

אַז צייכענען זאָל אין הקפות איר טרוים...
טשיריקעט ס'פייגעלע, טעטיק די בין איז
און דער פויגל זיין ליד זינגט אַראָפּ פונעם בוים
פאַר וועמען דאָס אַלץ, פאַר וועמען די תפילות?

און פליגעלעך באַוועגן זיך אַהין און צוריק
אומרויקע זוכן און נישטערן אין אַלע אַרומען,
ווי ס'בלאַנדזענע פלעמל אין דיין אומעטיקן בליק
צווישן טרוימענדע, נאָך טויען־דורשטיקע בלומען...

דיין שמייכל אי רייצט, אי שטילט איין דעם טומל
און ווי מיט אַ כישוף מעשה וויל מיך פאַרוויגן;
פראַלט ברייט אָבער אויף זיינע טויערן דער הימל —
זאָל גרייכן צום האַרצן זיין אייביקער ניגון

און מיט טענער זאָל בינדן און קניפּן אַלץ ענגער
אַ באַוועג פון אַ האַרץ מיט אַ ציטער אין ווערן...
פלאַמט אויף אַ פייער אין הערצער וואָס ברענגען
אַ פונק ווי מ'זוכט און מ'נעמט אים אויף גערן...

* * *

קומט אָן אַ ווינט נאָך אַ ווינטל פון דרום —
צעוויגן זיי רעשיק דעם טייך אין זיין וויגל:
לויפן אָן כוואַלעס — גרייטע צום שטורעם —
צעשפרייט אַ דערשראָקענע טויב אירע פליגל...

צעוואס

צעוואָס רעדט ער דער, וואָס האָט ניט וואָס צו זאָגן ?
ער האָט דאָך שוין לאַנג פאַרלוירן זיין געוויסן.
ער וועט זיך אייביק מיטן שקר טראָגן
און פאַרקויפן זיך טעגלעך פאַרן ביסן.

צעוואָס רעדט ער דער פאַרקנאָסטער מיטן שד ?
זע, זיין פּנים וואָלגערט זיך אין שטויב,
אַנשטאַט פאַר יעדן קלאָפּן זאָל ער זיך על חטא,
מאָנט ער נאָך פון דיר אַ הייסן לויב...

צעוואָס רעדט ער דער, וואָס גלויבט רק אין זיך ?
דערצו זיין פריינט געניאַרט, נאָכהער פאַרשוועכט ;
וואָס רויבט ביי יענעם צו דאָס ביסל ליכט,
באַצווינגט און שווער פאַרקנעכט...

און אין דעם וואָס זאָגט — אַליין ניט גלויבט.
צעוואָס גאָר שווינדלען, נאַרן ריינע גיהרן ? !
כ׳וויל דיך זען געליימט, שטום און טויב
איידער דעם ערלעכן אין תהום פאַרפירן ? !

צעוואָס רעדן די, וואָס אונטער ברוסט ניטאָ קיין האַרץ?!
און אויב ס'איז דאָ — איז עס אויך פאַרביינט:
ס'קלאַפּט רק פאַר זיך און ניט פאַר יענעמס שמאַרץ,
עס פרייד זיך גראַד, ווען יענעמס וויינט!...

צעוואָס רעדט נאָך דער, וואָס וויל מיך פירן
אַהין, ווו אַליין איז ניט דערפאָרן?!
אויף זיין בלאָנדזנדיקן פאַלשן וועג פאַרלירן
טאָר איך ניט קיין טאָג פון אַזוי אויך שווערע יאָרן!

אים הערן בין איך שוין צעבראָכן, מיד.
די טאַטן: — שרעק און פּחד טראָגן!
טרערן פליסן נאָך זיינע שווערע טריט.
צעוואָס זיך שלעפּן אין אַזאַ סקריפּנדיקן וואָגן?!

יאָר ...194

פרילינג

סוף כל סוף האָסטו פרילינג זיך דערמאָנט
אין קליינע שווּעלן — ווי טיף אין חשבון זינקען!
אַ בלאַסער זעסטו אוים, כ'האָב דיך ניט דערקאַנט,
ווי פאַרלוירן איז געגאַן אַ טייל פון דיינע פונקען?

אין וועלכע רחבות האָסטו זיך פאַרזאַמט?
כאָטש איבער געפאַלענע זיך דערבאַרעמט?
וויפל בייזע און שלעכטע וועלטן אַרומגעצוימט
און פאַר איינגעפרוירענע נייע אויסגעוואַרעמט?

אין אַ שפּעטער שעה דו קומסט, ווי געפאַלן בין געווען!
אויך דו ביסט שוואַך — גייעסטו מיט אַ שטילן טראָט...
געמיינט דיין צורה וועל קיינמאָל שוין ניט זען —
און אָפּגעשטאָרבן איז אין מיר מיין לעצטער גאָט?!

* * *

אַ שווערע אַרבעט שטייט פאַר דיר, אַ שווערע
באַליידיקטע פּילן־אָן די וועגן און הערצער רייניע
טרעפן זיך אין יעדער רגע מיטן צורר זייערן...
אַ מבול אפשר וועט אָפּרוימען דאָס געמיינע!

כ׳זאָל די מיט פון ווינטער שווערן דיר אויסשיילן
און פּלייצעס ווייזן, וועלכע האָבן אים אויסגעטראָגן
און כ׳זאָל ביזן לעצטן אָטעם מיינעם דיר דערציילן —
וועל איך אַפילו אַ טויזנט חליק ניט דערזאָגן:

ווי פֿאַרדאָרבן איז דער מענטש, פֿאַרהילט אין ליגנס —
אַן אויסגעמאַטערטער, אַ בלויזער שאָטן,
מ׳האָט אויף אים געכראַקעט און געשפּיגן
און מיט בייזע ווינטן געשמיסן און געבראָטן...

אין זיין צווייפל האָט איינציק־ווייז פֿאַרברענט
זיינע געטער, וועלכע יאָרן אין האַרצן שטיל געגליט,
און אין זיין איינזאַמקייט געלאָדן שוואַכע הענט
מיט בטחון... די פרילינג, דאַרפסט אים ערשט צעבליען!...

נשמות

אונטער בלייענע הימלען, געשלאָסענע טויערן: —
פאַרן אייגענעם שאָטן כאָפּט־אָן אַ ציטער,
לעשט זיך די מוט אויס, גייען השגות פאַרלוירן —
איז וואָגלען נשמות אין געמיש פון אַ ביטער —
געפינען קיין אָרט ניט, ווי דער ווינט אין דער מדבר...
אַ באַשפּיגענע די מענטשלעלעכע ווירדע אַליך נידערט...

דאָ בלאָנקען נשמות אַרום אין די גאַסן
און אומעט, און טרויער אַקעגן דיר טראָגן,
און עס ברויזן אַרויס ווייען פון זידיקע כעסן —
ווייען, וואָס דאָס מויל טאָר ניט דערזאָגן...
אַזוי נאָך אַ ריינעם אָטעם שטרעקן זיך הענט
און פון בענקעניש ווערן אָקערשט פאַרברענט...

פאַראַנען נשמות, וואָס בלאָנדזען און זוכן אַ תיקון
ס'גליק אויפן זאַמד מיטן פינגער פאַר זיך מאָלן,
בעטלען ווי בייטלערס ביים פאַרקער פון די ליקן
און קאַרגן ניט טרערן אין שטויב זאָלן פאַלן,
מ'דאַרף צי מ'דאַרף ניט זייערע קעפ גערן בייגן —
כאָטש ס'גוססהט דער שטראַל שוין, דער לעצטער אין אויגן.

דאָ קריכן נשמות אַרום און פילן זיך וויל
הכנעה׳דיק חנפּענען און לעקן, מיט הערצער פון שטיין
ווי קלעפּיק דער שקר צו זייערע ליפּן — צום מויל
וויז זיי די וואָר: — הייבן אָן טשירן די ציין
זאָלן ס׳האַרץ דיר און גיהרן אויסשנײַדן.
ווי דער וואָרעם, דאָס ליכט קענען ניט לײַדן.

אין אַזאַ נאַכט נשמות גאָר אַנדערע ווילן ניט רוען:
מיט וווּנדן פאַרשטעלטע פאַרן אויג פון דער וועלט,
אין געהיים מיט אַ טרייסט פּרוּוון פאַרציען
איינגעריסענע הערצער אין קריגערישן פעלד
אַט די פאַרבלוטיקטע האָפן און גלויבן...
און ברויזן מיט גוטקייט ווי שטילענקע טויבן...

גייען מיט ווירדע אויף שליאַכן פאַרדרייעטע —
מיט אייגענע וועגן, פון קיינעם געדאַכטע,
לאָזן הינטער זיך נאָך קברים צעזייטע,
ווי גראַניט איז אַ ווילן, כאָטש הענט זיינען שוואַכע
וועבן זייער חלום אַריין אין די צייטן
און געפינען אַ שטראַל אין אייגענע טאַטן...

דורכשנײַדן די הימלען מיט פלאַמיקע שטראַלן —
און שמעלצן די אײַזערנע טויערן פאַרמאַכטע;
שאַרפן דאָס וואָרט אויס אין שפּיז, אין פאַלן
און געפינען אַ טרייסט אין וואָרט אויסגעטראַכטן,
בעת שלינגען אויס סם אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן,
און שווער איז אַן אָטעם אין דער געדיכטעניש כאַפּן...

זיי ווייסן דעם אָנהייב און סוף פון די ליידן,
זיי ווייסן אָפּטיילן דאָס גוטע פון שלעכטן,
זיי ווייסן די וועגן, וועלכע דאַרפן אויסמיידן:
אַז מ'זאָל ניט פאַרגייען צום ביטערן נעכטן;
זיי ווייסן ווי טיף דעם גרוב דאַרפן גראָבן: —
אַז דעם היינט מיטן נעכטן אין איין קבר באַגראָבן...

און אויפהייבן אַ מצבה צוקאָפּנס זיי ביידע,
אויפן פרייש צעבליעטן פעלד —
אַ קול וועט זיך הערן פון טאַטן און זיידן:
„ווי שרעקלעך געווען איז אייער וועלט!"

קינדערישע אויסשטעלונג

יעדנס קינדס — גרויס און קליין —
שטריכעלע דיך פרעגט:
צי ס'איז פיין, צי ס'איז שיין
פון זיי דאָ בייגעלייגט?

ווענט באַהאַנגענע דורכויס,
וואָס קינדערישע הענט פאַרזייען,
אַ וויל, אַ מיין פון דאַנעט ברוויזט
און מיט אַ רייצנדיקן חן.

דיך באַצויבערן זייערע פאַרבן,
וואָס ווילן זיי מיר זאָגן?...
וויפל שיינקייט, וויפל ליבע —
נאָר קינדערישע הערצער קענען טראָגן!

בוקאַרעסט, יידישע שול, יאָר 1949

שלום עליכם,

ווי אַט צו אַזאַ שימל דו רירסט זיך נאָר צו:
אַזוי קומט ס'פוילע אַרויס אויף דער וואָר —
דו זאָלסט עס אַ ברי, אַ שאָב און אַ גלעט־טאָן
מיט אַ שמייכל און ליבע ווי דו קענסט עס נאָר...

איינער. ווו זעט מען אַ גלייכן צו דיר?!
ווי דער בליק דעם פאַרוואָלקנטן הימל באַהעלט,
אַזוי באַלויכסט די נשמה — זי זאָל זיך דערזעען
און לאַכן פון זיך און פון איר אַרומיקער וועלט...

וואַקסט ער דער שימל, ווי שוואַמען אין וואַלד נאָך אַ רעגן
און ס'פוילע אַליך פרעסט און פרעסט אָן אויפהער;
בלעטער נאָך גרינע שוין פאַלן פון בוים אויף די וועגן
און גייען פאַרלוירן אין זייער נייעם פאַרקער...

ביי וועמען עס פעלט דער געשמאַק פאַר דיין זאַפטיקן יידיש
מיט זיינע פילפאַרביקע ברויזנדע חנען,
ביי די פעלט אויך אַ האַרץ פאַר דער ווייִ און אַ טרער
זאָלן קענען דאָס אַש פון מיידאַנעק באַוויינען...

איז הערט מען דערפֿאַר אַליך אין קלײנינקע הײמען:
(װוּ הויך און װוּ שטיל — װי נאָר מ׳קען)
„שלום עליכם, װוּ ביסטו מיט דײַן חכמה און ליבע
זאָלסט שאָבן דעם שימל מיט דײַן פֿאַרכּישופֿטער פּען!?"

מערץ 1959

געדענקסטו

געדענקסטו פערעלע, צי געדענקסטו דעם טאָג,
וועןביים טייך האָט מיין האַרץ אויפגעציטערט פאַר דיר?
ווו איז ער? אויך ער בלאָנקעט אַן עלנטער אום
און בענקט נאָך די העלן און זוכט זיי, ווי מיר?!

אים פאַרטרויעט אַ סוד און אַ חלום פון מיינע —
האָט ער זיי פון כל מיני מיילער פאַרהיט...
אַז מיין ציטער פון האַרץ זאָל גרייכן צו דיינעם —
איז מיטן כוח פון זיין שיינקייט האָב איך זיך באַמיט...

* * *

ווי שטיל אָטעמען גראָזן צעזייטע אין פעלד
און בלומען נאָך שטילער טרוימען ביים טייך
און איך צווישן אייך דאָ — דער איינציגער העלד
גיב אָפּ זיך איבגאַנצן דער הייליקער פּראַכט...

און שטראַלן נאָך שטראַלן אַליך גייען און קומען
און לאָדן די וואַרעמקייט אוים מיטן ליכט;
דער וואַלד מיט זיין שאָטן איז מחיה די בלומען
און חנעך, אין דיין קינדערעשן שמייכל, פאַרשיכורן מיך;

עס ציטערט אויף ס׳בלעטל הינטערן פּייגעלעס דרימל,
בעת אַ דעמב פּרוּווט אַ בוימל אַ תּורה פאַרהערן...
שושקען זיךביימער און זאָגן אַ סוד אוים דעם הימל: —
אַז אַ בלום וויל אַ צווייטער זיך אין ליבע ערקלערן...

געדענק איך דעם טאָג, ווען מיט אַ ציטער דערנעבן
פאַרן הייליקן פלעמל אין פאַרחלומטע אויגן איך שטיי —
און ווי באַפליגלט מיט טרוימען איך לאָז זיך אין לעבן:
איינאָטעמען זאָל אויך אַ טייל פון זיין ווײ!

* * *

געדענקסטו זיין אויסזען? צי געדענקסטו אים גאָר?
מיטן בלוט איך האָב אים פאַרשריבן אין זכרון...
ווי אַנדערש, ער האָט דאָך געטראָגן די הייליקסטע וואָר —
איז גוט וואָס איך טראָג זיך אַרום מיט אים יאָרן!

פון זינט האָב אַלץ מורא און שעם זיך אַ פראַגע דיך פרעגן:
צי מיין ציטער פון האַרץ ביים ברעג פונעם פרוט
געפינט נאָך צו דיינעם די געהעריקע וועגן?!
קענסטו אַן ענטפער מיר געבן? צי פעלט דיר די מוט?

צי האָסטו אים גאָר פון ווען שוין פאַרטריבן
און אַ שטיינערנע וואַנט קעגן אים אויסגעבויט?
זאָג, איך בין זיך שוין סײַ־ווי מיט גאָר ניט געבליבן —
פרעג איך זיך נאָך אויפן שענסטן, וואָס האָב דיר פאַרטרויט!

וויל איך כאָטש איין זאַך ביי דיר זיך דערוויסן:
צי געפינט נאָך מיין ליבע אין דיין נשמה אַן אָרט?
איך וואָלט אַליין זיך ס׳האַרץ אויף שטיקער צעריסן,
ווען אויף מיין פראַגע וואָלסט ניט געפינען קיין וואָרט!

יאָר 1937

דער בלויער פרימארגן

נאָך נאַכטיקע שעה'ן דער בלויער פרימאָרגן
חנפדיק שמייכלט דיר אויס אַ דערהויבונג;
עס לעבן אויף טרוימען — דאַרף מען ניט דאגה'ן און זאָרגן
פאַר אַ בטחון אין ווערן, וואָס אָטעמט מיט גלויבן...

און ווי פירן ער וויל דיך צו געהיימע מקומות —
ווו די שיינקייט איר אמת אַנטפּלעקט,
און אַ סוד דיר אַנדענקן — אַ סוד פון קדמונים:
ווי אַזוי גרייכן צום שטילן, ליכטיקן ברעג...

אַזוי אין זיין שיינקייט דיך נאַרט ער אַריין,
אַז גיסט אָפּ דאָס האַרץ, די נשמה — ס'גאַנצע פאַרמעג...
ווי אַ פאַרכישופטער זוכסט דאָס פעדעמל שיין
פאַרן סוד צוגעזאָגטן געפינען אַ וועג.

און אַז באַגעגנסט גאָר ווינטן, וואָס צעשויבערן גאַסן
און הייבן ס'מיסטיקע שטויב אויף אין הייכן —
צעקאָכן זיך בלוטן, צעזידן זיך האַסן,
דאַן קענסטו אַוודאי צו זיין סוד ניט דערגרייכן...

* * *

נאָך נאַכטיקע שעה'ן, אין בלויען פרימאָרגן —
וויפל האָפענונגען שטאַרבן אויף אייגענע אויגן?!
מיט דאגות, מיט זאָרג און מיט וואָס נאָר פאַרבאָרגן
אַ פאַריתומטער שטייסטו פאַרן אָרון געבויגן!

דער הונט

שטייט אַ הונט ווי ער מעג
און היט זיין פּריץ אויף אַ קייט
נאָך פרעמדע טריט איז אין געיעג
צום בייסן תיכּף איז ער גרייט.

פלייסיק, תמיד מיטן אויער ער צילט
און מיט אַ שאַרפער ראיה — וואַך
דעם פריצס ריח פון ווייטן פילט
און בילט אים אויס אַ הייסן שבח...

אַזוי גייט דער הונט אויף זיין קייט
און היט דעם פּריצ׳ס „פיינע הויט”,
די קייט פאַר אים — איז אַ זיידן קלייד
באַקומט דערפאַר זיין שטיקל ברויט...

חניפ׳ש רעשט ער, בייסט און שפּילט
זיך. פאַרן פּריץ — מיט זעל און לעבן
ליבע... נאָר צו אים ער פילט
און מיט געטריישאַפט איבערגעגעבן !...

פאַרן הונט דעם פּריץ'ס מיסט
ליבער איז פון פוך און פעד
דאָ ליגט ער ניט אומזיסט,
נאָר פּאַר ביינער פון דער קיך.

ווי נאָר אַ צווייטן הונט ער מערקט
זיך דרייען פאַרן פּריץ'ס הויז,
אַזוי ווילד מיט קולות שרעקט —
און קללות שוימען פון זיין מויל אַרויס...

און ווען זיין גלייכן שוין אַנטלויפט
באַוואָיענדיק די ווונדן פונעם שטעקן:
דער הונט פון קייט דעם פּריץ לויבט
און כאַפּט זיין האַנט באַלעקן...

און ווען דער בעל־הבית אַליין
מיטן שטעקן גלעט אים אויס די פעל —
באַווייזט ער געשמאַק זיין געביין,
דרייענדיק זיך אַרום דער שוועל;

ניין, בייסן וועלן ניט זיינע ציין,
נאָר מיט אויגן זינגט אים אויס אַ לויב,
ווערן ווערט ער ווי אַ מייזל קליין
און שטיל, שטילער פון אַ טויב.

* * *

מיינסטו אַז די חיה־הונט אויף דער קייט,
וואָס ליידט פון רעגן, וויכער, ווינט
ווייסט ניט, אַז איר שטיין באַשטייט
אין היטן ניט אַ מענטש, נאָר אויך אַ הונט!?...

יאָר 1947

מיין וועג

פורטונען

איך האָב אַליין מיין וועג מיר דורכגעשניטן,
שיין באַצאָלט פאַר יעדן שטיקל ערד באַזונדער;
שטיל, אי רעשיק אין אַלע ווינקלען זוך אַ מיטל —
פאַרן אָטעם, כ'וויל ניט וואַרטן מער אויף וווּנדער!

* * *

און אַז איינגעגלייזט אין פענצטער ריינע שויבן,
און אָפן איז מיין שטוב פאַר איר, און אים, און דיר —
איז ווי זע איך פליען זאָלן פאַרן פענצטער טויבן
און פאַרזאָמען זאָל אַ שטראַל זיך פאַר מיין טיר?!

ווי אָפט שטעלט דער שטן זיך אַוועק אין מיטן
און פאַרבאָטן ווערט די לופט מיר אויך אַפילו,
און אויף אַ סם גאָר ווערט זי מיר פאַרביטן.
איז אַ נס — צעוויקל איך די וויפילטע מגלה!?

* * *

צעוואָרפן האָב איך זאָמען פון אַ ריינער ליבע —
אַז פריי פאַנאַדערבליען אויף אָט דער ערד:
פאַר באַליידיקטע אין גרויע, נאַסע שטיבער
און פאַר אַ געזאַנג, וואָס קומט אַראָפּ פון הימל הער...

און ביימער איינגעפלאַנצט דאָ כל מינים —
זאָל אַ ווינטל זיך אַ היים געפינען אויף אַ רגע;
ווען פאַרבלאָנדזען ווער, בעת זייער גרינען —
איז אַ קילער אָטעם פאַרלייכטערן דעם וועג אים;

און מיט דרייסטע טריט אין שאָטן זייערן קומען
אויף רגעם אייניקע — די נשמה מידע אויסרוען;
אויך באַפּוצן זאָל דעם וועג מיט זיינע בלומען
אין די שטילע, נאָך העלן טרוימענדיקע, שעה'ן!

און שניידן ווייטער דעם וועג צו יענע טויערן...
ניט פאַרפירן דער שקר אים מיט זיינע צביעות!
נאָר דעם אמת זאָגן — מעג ער זיין אַ טרויעריקער —
אויב ער וויל זיין וואָרט זאָל טראָגן אַ נבואה.

מיט דײַן טראָפּן שווײס

פיר טראָפּן

פיר טראָפּן, ווי זעען זיך אַזוינע טראָפּן אָן?
הערט זיי ווער, פון זיי וויסן וויל דען ווער?
מאָנען זיי כ'זאָל זיך שטעלן אויך אין קאָן —
און ראָמען, אָפּראַמען דאָס געמיינע פון דער ערד...

*

ווען דער לעצטער שטראַל צערייסן זיך געזאָלט
אין מיין טאַטנס מידע, אָפּגעוועלקטע בליקן —
האָט ער נאָך איינמאָל מיט לעצטע כוחות מיך געוואָלט
אַרומנעמען און צום האַרצן זיינעם דריקן

און אַזוי זאָל אין מיינעם זיך איבערגיסן
אַ טייל נאָר פונעם אָנגעזאַמלטן אין לעבן: —
פאַר אַ, ביז אין מויל, פאַרהאָרעוועטן ביסן,
וואָס אַ „מענטשלעבע" האַנט קען גאָר געבן;

און אַ סוד — פאַרבאָרגענעם מיר פאַרטרויען מיינט,
אַן אָנשפּאַר זיינער האָלט איך דאָך אין ווערן,
פינטלט טרויעריק אַן אויג, וואָס האָט קיינמאָל ניט געוויינט
צאַפּלט שטיל אַ האַרץ, וואָס שלינגט אויס אַלע טרערן.

*

אַ טראָפּן אין זיין אויג — אַזאַ איך זע צום ערשטן מאָל —
ניט איין ווילן ברעכט אַזאַ טראָפּן ביי אים איין...
אַזוי ווערט אַ שטילע טרער געבוירן אָן אַ קול
פון אַן אָפּטער וויי, וואָס שטילט זיך איין אַליין...

דער צווייטער — אַ טראָפּן סם פון בעכער זיינעם פולן
האָט ווער פאַר דעם געזאָרגט? אַוודאי אַ „פיינע" האַנט,
זאָל אַזאַ טראָפּן רייצן און האַסן אין מיר ניט שטילן
ביז הוידען ווערט זי זיך אויפן סלופּ פון שאַנד!

אַ טראָפּן שוויים קומט שטיל אַריין אין ריי,
ווי שטיל ער קייקלט זיך אַראָפּ פון ברעמען —
ער איז דאָך דער וואָגיגסטער דאָ צווישן זיי:
עשירות זאַמלט אָן, זיי זאַמלט ער פאַר וועמען?

דער פערטער טראָפּן — פון בלוטן אויסגעגאָגטע:
זאָל אין האַרצן גליען האַס און ליבע, אוןביידע
ברענגען זאָלן שוין ס'וואָרט, פון דורות, ניט דערזאָגטע
און עפענען פאַר זיך אַ טיר אין זייער גן עדן...

*

פיר טראָפּן זיינע זאָל אין האַרצן אויסבאַהאַלטן —
האָט ער מיט אַ געבעט אויפן בלאַסן פּנים
מיין האַנט אין זיין ציטערדיקער פעסט געהאַלטן —
אַ תּקיעת־כּף שליסן: געווען איז זיין כּוונה...

ו־טער מאי

פאַר אויגן וואָס ווערן ניט מיד זוכן
דעם זין פון א ווערטפולן זיין: —
ברויזן אויף קוואַלן, העלן צעשטראַלן...
און דרינגען אַריין אין זייער שיין...

אין פאַלדן פון פליסנדע שטראָמען —
אותיו'לעך פינקלען ווי טראָפּעלעך טוי,
גלויבן און מוט אויף פליגעלעך טראָגן...
און קערנדלעך אמת צעוואַרפן אין בלוי...

און ליבע אין הערצער ערלעכע, ריינע
יויערט אויף צום לעבן אויפסניי;
אין נאָענטן אָנקער, אין רוים פון באַנעם
צעבליצט דעם בטחון — דער ערשטער מאַי;

און דערהויבט, פרישט אויף און באַנייט;
און אַן אָנזאָג ער פיקט אין די מוחות,
אַ פּרווו פון באַוווּסטזיין, אַ ריר דעם געוויסן,
אַ ציילונג פון לייבלעכע כוחות...

פֿאַר אויגן וואָס ווערן ניט מיד זוכן
דעם זין פֿון אַ ווערטפֿולן זיין: —
ברויזן אויף קוואַלן, העלן צעשטראַלן...
און דרינגען אַריין אין זייער שיין...

איך ווייס ניט

אַ חבר אין תפיסה און וויפיל
הונדערטער נאָך...

כ'ווייס ניט מיט וואָס נאָך עס אָטעמט
אַ האַרץ זיינע רגע'ס אויס שווערע
אַ חוץ מיט אַ ריינער ליבע פאַר אַלע
און מיט אַ ציטער פאַר וווּנדן אין ווערן!?

כ'ווייס ניט ווי הויך איז געשטיגן,
פון צרות און זאָרג, שוין, דער סטויג!?
כ'ווייס ניט צי קומט גאָר אַפּילו
אַ שלאָף אויף זיין ליידנדן אויג!?

כ'ווייס ניט אַ צווייטער געדאַנק זאָל
אַזוי וואַרעם אויפן האַרצן זיך לייגן!?
כ'ווייס ווי געטריי ווישט אַ טרער אויס,
בעת אַ צווייטע שניידט דורך אַ וועג איס...

כ׳ווייס ניט ווי גאַליק זייער סם איז
מיט וועלכן מ׳וויל אים פאַרוויגן.
כ׳ווייס, ווי הייס ברענט זיין פלאַם אויס
פאַר דער ריינקייט פון אייביקן ניגון...

כ׳ווייס ניט קיין אַנדערן אמת —
טראָגן דעם האַרץ זאָל אַזוינע פאַרפומען!
כ׳ווייס נאָר — אַז פאַרן שונא אל חטא׳ן
אויף זיינע ליפּן וועלן קיינמאָל ניט קומען!

כ׳ווייס ניט ווי טיף שניידט זיך איין
די שאַרף שווין אין זיין לעצטער מינוט!?
כ׳ווייס, אויב מ׳דאַרף — גיט ער גערן
אַ טראָפּן נאָך אַ טראָפּן זיין בלוט!

1920 יאָר

בײלקע

א.

מיט רויטע אויגן אויסגעווײנטע
עפנט בײלקע אויף די טיר,
שיקט זי קודם אַ זיפץ אַרײַן
און נאָך אים אַן „אוי ווײ איז מיר"

ווישט זי אויס דאָס לינקע אויג
ווערט דאָס רעכטע נאַס —
נאַסער ווי דער כסלו
קיסנעט אויס די גאַס...

אויף אַ זײַט פֿון בענקל
זעצט זיך בײלקע אַוועק
און מיט ציטערדיקע פֿינגער
דרײט בײַם שאַלעכל אַן עק;

ווערגט זיך מיט אַ ווײ
און שטיקט זיך מיטן קול,
— וואָס אַ מאַמעס בידנע האַרץ
בליפֿעט אַפֿטער מאָל.

ב.

„אַ נייעס שוין ביי דיר געשען,
פֿאַרביטערט ביסטו ווידער?"
דורך וויעס אַ באַדויער
שיקט די שכנטע איר אַריבער.

„אוי מיין האַרץ רבקה טייערע,
איך קען שוין ניט אויסהאַלטן!
ווי קען אַ האַרץ אַזויפֿיל מכות
אין זיך אַליין באַהאַלטן?

„אַלץ פֿאַר זיי און נאָר פֿאַר זיי
וויל דאָס לעבן גאָר ניט קאַרגן;
מיר שטעלט זיך עס אַוועק אין גאָרגל
און דווקא תמיד וויל עס וואַרגן!

לאָזט אַראָפּ די אויגן אירע
און זיצט ווי אַ פֿאַרשעמטע.
„וו'אַזוי לעבט מען מיט קינדער פֿיר
און מיט אַ מאַמען אַ געליימטער?!"

„פֿון יענקל'ן האָסטו שוין ידיעות?"
האָט רבקה שטיל אַ פֿרעג געטאָן.
„פֿון מיין שלים-מזל, מ'שטיינס געזאָגט
חלומות-בריוולעך באַקום איך גאָר.

„אַ ברויט פּאַרדינען — ניטאָ ביי וועמען
און הילף פון קיינעם, קיינער
פון דער קראַנקער מאַמע, פון טאַטנס קבר?
און דאָ ווייזט דער ווינטער זיינע ציינער;

„ניטאָ קיין שמאַלץ, קיין מעל, דאַרף מען ניט
וואָס האָב איך דען, איז מיר ליב...
יאַקאָסע לעבט מען, ווי מ'לעבט,
אָבער מיט די קומענדיקע פרעסט אין שטוב?

„ווען שלומל קומט פון חדר אַ היים
נאַקעט, באָרוועס — ממש אויסגעטאָן
אַ בלויער ציטער קרישעט זיינע אברים אוים
און עס קלאַפּט אין מויל אַ צאָן אין אַ צאָן;

„וויינט ער, לאָז איך אויך אַ טרער
פאַלן אין קינדס געוויין אַריין,
— מאַמע, זאָגט ער, עסן גיסט ניט
זאָל מיר כאָטש קאַלט ניט זיין —".

ג.

אין האַרבסטיקן פרימאָרגן הענגען
שווערע הימלען אויפן קאָפּ
און באָרגן אוים אַ טרער דעם בוים
פאַרן בלעטל, וואָס פאַלט פון אים אַראָפּ.

בניקעט שלמה'לע און בעט זיך ביי זיין מאַמע:
— „זאָל איך אין חדר היינט ניט גיין!"

הויבט־אָן ביילקע שרייען, שעלטן —
ווערט זי אויפן פּנים בלאַס און געל:

— „אַז אָך און ווי צו מיינע יאָרן,
פּוסטע פּאַסניק, גוי גומער איינער
איכ׳ל לאָזן דאָ אַזאַ זכּרון,
אַז אַ וואָרט עברה זאָל ניט קענען זאָגן
און ווי וועט די ערד אַזוינס טראָגן!?”

בייגט זיך שלמה׳לע איין אינדרייען
באַהאַלט אין זיך דעם בלויען ציטער
און מיט קעלט אין ביינער, און אויגן פולע
אין טרערן לויפט ער גיך אַוועק אין חדר
אָן אַ שטיקל ברויט אַפילו.

ד.

לויפט זי אַ באַליידיקטע אַוועק
מיט אירע ווייען שאַרפע...
נאָך אַ ישועה צו דער מיוחסים שרה לאה —
אשה הצניעה ר׳ מאָטל שאַפערס

אַזוי מיינט זי און האָפן וויל
שלמה׳לעם מלבושל אויסקויפן;
אַ ביסל טראָגט זי מזומן איר
און אַ ביסל כּוחות זאָל פאַרקויפן;

דעם משכון אַרויספּועלן ביי דער אשה הצניעה
און אפשר, ווער ווייסט, אַ פאַרדינסט

גייט זי גלייך אין קיך, אַהין
וווּ די באַלעבאָסטע היט איר דינסט.

אַזוינע אין קיך נאָר מעגן קומען,
ניט פאַר זייערע נעזער איז דאָס הויז;
וואַגן זאָל נאָר די טיר אַ פּרוּוו־טאָן
וואָרפט מען תיכּף זי פון דאָרט אַרויס.

ה.

געשמאַקע ריחות זי פאַרכאַפּן,
וואָס קומען דורך שפּאַרינעס:
פון געקעכצן, פון געבראָטנס,
פון געבעקסן און פון מאַינעס.

בייגט זיך איין ביז דער קני
און פּרוּווט אַ „גוט מאָרגן" זאָגן
צערייצן די מאַכולים מער
דעם אויסגעהונגעריקטן מאָגן;

שלינגט זי סלונע מיט כּוונה
און שיקט אַרויס אויף הילף די נאָז
און טראַכט דערביי אַפּנים:
„דאָ צו לעבן איז דאָ פאַר וואָס".

* * *

— „ווידער שוין, האָט די גבירטע זיך צעשריען,
אויף מיין קאָפּ אַהער געקומען?
מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן דינע
הויבט־אָן פּינען שרה לאה פרומע,

„ווײַ, ווי פֿיל איר זענט דאָ אין שטאָט
און אויף פּלייצעס אונזערע קריכן גאָר
ממזרים שיטן־אָן שטיבער פולע,
אַז האָדעווען זיי מיר זאָלן נאָר,

„בייג דעם רוקן צורה שיינע,
ניט דאָ און דאָרט אַ ביסן כאַפּן,
ווי קאָנען מיר אַזויפיל קישקעס
אייערע אָרעמע פאַרשטאָפּן ! ?

„זשעברעווען ביי פרעמדע טירן
גייט איר אוים אייערע יאָרן ;
האָרעווע ווי איך פאַר צען —
ווּעסטו אויך פאַרמעגנס שפּורן !"

— „האָט ניט פאַריבל, רעגט זיך ניט אויף,
צעפּינטלט ביילקע גרויסע אויגן,
ס'האַרץ ציטערט און די מידע פים
וואָלטן צו דער טיר זיך אויסגעצויגן,

„כ'ווייס, קבצנים קיין עין־הרע
אין שטאָט ביי אונז איז דאָ אַ סך
און ווי קענט איר דען פאַר אַלע זאָרגן,
אָבער איך קום ניט בעטלען הער צו אייך

„ס'לעצטע שטיקל ברויט פון מויל, חלילה,
וועל איך ביי אייך ניט נעמען.
ווי צו אַ מאַמען איך קום אַצינד,
און אַז ניט צו אייך איז צו וועמען ?

„הערט מיך, הערט אַ מאַמעס האַרץ,
וואָס קאָרטשעט זיך אין ווינד און וויי,
בעת איר קינד גייט אין חדר —
אַ נאַקעטער אין קאַלטן שניי!"

דרייט דעם קאָפּ אויס אין אַ זייט
און פון טיר אַ שפּאַן טרעט אָפּ,
גיט אַ פינק אין אויג אַ טרער
און קייקלט זיך פון באַק אַראָפּ.

— „צוואָס קומט איר מיט אייערע צרות
און ברענגט אַ טרער מיך דאָ באַוויינען?
אַז מיר לעבן אויף אייער חשבון גאָר
ווילט איר מענטשן זאָלן מיינען?

„טרערן דאַרף איך ניט ביי מיר אין שטוב
און הכנעהדיק אייערע קעפּ דאָ בייגן;
און אויב ס'גראָבט אונז ווער אַ גרוב
וועט מיטן קאָפּ אים אַליין פאַרלייגן!

„דיין מאַן ווו איז, אין וועלכער תפיסה?
לאָז געמאַך, מיר ווייסן זיין כוונה,
אָבער ניט דערלעבן וועט יענעם טאָג
„צעוויקלען זאָל דאָ זיינע פאָנען!

„ס'איז מיר גוט מיט אייך. אַזוי איז,
אַז מ'הויבט־אָן מיט די שנאָרערס
וויפיל גאָלד צעטיילט מיר האָבן
פאַר די פוילע און די נאַרעס".

אַ בלאַסע שטייט זי, ניט רירעוודיק
בייסט זי פון צייט צו צייט אַ ליפּ,
בעת שרה לאה שענקט איר אין אַ פולער מאָס
ווען אַ שטאָך און ווען אַ צויפּ:

— „פאַר אייער גאָלד שרה לאה,
נעמט איר פּראָצענטן פון פּראָצענטן".
אַן אָפּגעבריטע האָט די יחסנטע
זיך אַ נעם געטאָן צום שעלטן.

מיט אַלע כוחות פּרווט זי ביילקע
אָפּקילן דער נגידעסטעס הייסן בראַנד —
שעפּטשעט אָפּגעהאַקטע ווערטער און
שטרעקט איר אוים די רעכטע האַנט:

— „אָט, האָט איר דאָ אַ חלק פונעם חוב
און פאַרן רעסט, ס'איז שוין ניטאָ אַ סך,
ווי גאָט איז הייליק, שווער איך —
ביזן לעצטן גראָשן באַצאָלן וועל איך אייך".

— „נאַרעלע, גיי דיר גיי, מיט אָפּנאַרעריי
וועסטו קיינמאָל גאָר ניט פועלן,
מיט קיי און שפּיי מיינסט אָפּקומען?
זאָלן די שמאַטעס דיינע אין קאָמער פוילן".

— „פאַרן חוב אייך אַרבעטן איך וויל,
אַזוי זאָל איך מיט מיינע קינדער לעבן!"
— „פאַר אַרבעט וואָלטן מיר אַ גראָשן
דיר קיין איינציקן ניט געגעבן!"

שרה לאה אַ פֿאַרכלינעטע אין כעס
עפֿנט ברייט די טיר אין קיך
און שליידערט זי אַרויס אין גאַס.

און אַז ביילקע אין איר גאַנצער לענג
האָט אין פֿרישן שניי זיך אויסגעצויגן —
איז ליגן איר געווען אַוודאי ווייך,
אָבער שוואַרץ, שוואַרץ געוואָרן אין די אויגן.

ז.

אַ הונגעריקע און אַ מאַטע
פֿאַרטרינקט זי פֿון איר קריגל...
און זויפֿט אַ בלאָנדזינדיקן שמייכל איין
פֿון איר שלאָפֿנדיקן קינד אין וויגל

פֿאַרקוקן ווייט זיך אירע מידע אויגן
און מיט טרויער פֿילן אָן די שטוב,
ווי זיי וואָלטן פֿאַרן גוף געפֿלאָגטן
ערגעץ וווּ געזוכט אַ גרוב.

שיילט די שטילקייט אויס אַ מורא
אין גרויען ווינקל אויף אַמאָל —
הויבן־אָן קאַפּן אויפֿן האַרצן אירן
טראָפּן שמעלצנדיקער שטאָל...

ווי פֿון אַ חלושות עפֿנט זי אירע אויגן
און פֿון לונגען הויכט אויס אַן „אוי"

ווי אַ פייערל איידער עס צעברענט זיך שטיל
קנוילט עס קודם אַרויס אַ גרויען רויך...

*

פון ריחות איינגעאָטעמטע אין קיך
איזביילקע ניט געוואָרן זאַט,
אַ פאַרשמאַכטע איז זי געקומען אַהיים —
פאַרשמאַכטער גייט צוריק אין שטאָט

און גאַרטלט זיך אויפסניי אַרום
מיט בינטלעך לייד, מיט טונקלער שיין
און אין אַ קאַלטן ציטער איינגעהילט
לאָזט זיך ווייטער אין וועג אַריין

גייט און טראַכט זיך אויס דעם מוח
ווי אויך פאַר יענקלען אין זיין נע־ונד.
בליפעט שטיל אַ האַרץ אַן עלנטס,
וואָס געבליבן איז אויף „גאָטס באַראָט"

צו וועמען גייט זי? צו ר' מאָטלען
איז דאָס שוין אַ פיינע בריע.
פועלן וועט ביי אים אוודאי,
ווי ביי שרה לאה — זיין אשה הצניעה.

ז.

אין קאַנטאָרע ביי אַ גרויסן טיש
זיצט ר' מאָטל שאַפער אויבן־אָן,
משרתים שלינגען זיינע ווערטער אויס
און פון חכמות זיינע קוועלן־אָן.

אַ בעל טובה און אַ פֿאַרזאָרגער —
אַליין ביי באָרד און פּאות שווערט ער
און פֿרומע יידן זיינען עדות
און שאָקלען צו מיט זייערע בערד אים.

רעכנט אוים זיך אַלע מעלות
און ווי תּמיד איז מיט זיך צופֿרידן.
פֿרעגן בערד און פּאות אים אַ פֿראַגע:
„אויב יענע קומען, וועט זיין גוט פֿאַר יידן?"

— „למען השם, פֿון זיי דערמאָנט מיך ניט!"
און בלייבט פֿאַרזאָרגט אַ רגע שטיין,
און דאָס צופֿרידן שמייכל שטיל
לעשט זיך אוים אויף זיינע ציין,

„און יושר ווו איז? וועט אַ וועלט דערלאָזן
די טמאה גרייכן זאָל צו יעדער טיר?
לכל הפּחות כּוחות זאַמלען דאַרף מען פֿיל
און באַוואָרענען זיך קעגן איר..."

* * *

עפֿנט אויף די טיר אַ ייד אַ בעל מלאכה
און רייסט זיי איבער דעם געהיימען שמועס;
גראָבן בליקן זיך אַריין אין זיין מלבושה
און מעסטן אים אָפּ פֿון קאָפּ ביז פֿיס;

ווען אויפֿן טיש דער ייד דער בעל מלאכה
פּראָצענטן ציילט אוים גראָשנס אַ פּאָר מאות —
ווערן פֿריילעך מאָטל שאַפֿערס שטעכנדיקע ברעמען,
ווערן פֿריילעך אַרום אים אויך בערד און פּאות.

ח.

און וויביילקע אין קאַנטאָרע איז אַריין
האָט זי זיך אַ בייג געטאָן מיט אַ „גוט מאָרגן"
האָט דער נגיד איר „גוט מאָרגן" ניט דערהערט —
געטראַכט אַוודאי ווער זאָל פאַרזאָרגן...

ווען צום צווייטן מאָל גיט זי זיך אַ נייג:
— „פאַרן קינדם מלבושל געבראַכט אייך, זעט"
איז אַ בייזער ווונק געפלויגן צום משרת באַלד
און ביילקע אין גאַס שוין אַן עלנטע שטייט...

ט.

איינגעהילט אין קאַלטן ווינט גייט זי נאָך —
איר לעצטער האָפענונג, אויך די שוין גייט פאַרלוירן
הענט און פיס שוין שטיקער אייז ביי איר
די טרער אַליין נאָר איז ניט פאַרפרוירען...

לוי יצחק קומט איר אַרויס אַקעגן,
יענקלס אַ גוטער ברודער פון אַלטע צייטן
זייביידן האָט די פּאָליציי אַמאָל
אָנגעשלאָגן פולע זייטן;

און ווען האַנט ביי האַנט אין ענגע רייען
אַן אמת זייערן אויפגעמאָנט,
און אויסגענוצט דערביי כלי-זיין —
צומאָל ברעכן זיי טויער און וואַנט...

אַנשטווינט מיט פייכטע בליקן לוי יצחק
פּרוּווט ביילקען אַלץ באַשווערן: —
נעמען זאָל ביי אים דאָס געלד
און פון ר׳ מאָטלען שוין פּטור ווערן.

* * *

„ווי הייליק בלייבט דער רעכטער גלויבן
צעוואָס־זשע נאָך זיך וואַקלען?
ווי מאַכט מען אָבער דעם טויבן הערן —
מ׳זאָל קענען אונטערציען סך־הכל׳ן״:

„פון חוזקן, פּיינען איינגעזויפּטע,
ליידן שווערע אויסגעטראָגענע,
פון שווייסן, מיען אָוועקגערויבטע
און פון לונגען, הערצער אָפּגעשלאָגענע;

„פון פאַריאָגן טאַטעס פון זייערע היימען,
אַז הפקר בלייבן זאָלן ווייב און קינדער!
איז זאַמלען דאַרף מען מוטן, כוחות...
און ניט וואַרטן אויף גאָטס וווּנדער״.

מיט די געדאַנקען געזעגנט ביילקען
און „— אַ פרימאָרגן גאָר אַ שיינער״,
גייט אַ ציטער דורך בלוטן יונגע זיינע,
„דאָס געוויסן בלייבן זאָל נאָר אַ ריינער!״

* * *

און ביילקען — קלינגט יענקלס אַ ניגון
אין אויער: „נאַרעלע, הער דיך איין,
ווען מיר האָבן מער אַזוינע לוי יצחק׳ס
וואָלט פון זינט שוין העלער אויסגעזען די שיין!?

„און אונזער אמת מיט זיין שטיל געזאַנג
וואָלט דאָס רעדל אַזאַ דריי געטאָן:
אַז פרעמדר זאָל ווערן אונז דער בייזער ווינט
און שטייען מיר זאָלן מיטן פנים צו דער זון...

„און רוקנס וועלן אַלץ זיך גלייכן,
און נשמות מידע וועלן רוען,
„און ווען אונזער שוויים וועט אויך אונז געהערן" —
וועט די וועלט זיך אין איר גאַנצן פראַכט פאַנאַנדערבליען".

„כ'הויב ניט־אָן אַפילו וויסן,
וואָס מיין שלים מזל מיט דעם מיינט;
ווען די פּאָליציי האָט פון זיין לייב
שטיקער פלייש, פאַסן־ווייז, געשניטן
האָט ער געשוויגן, איך אַליין האָב נאָר געוויינט".

* * *

כאַפּט דער ווינט אויף אירע תפילות
מיט אַלע זייערע זיפצן ווייען:
אַז איבער פוסטע, ווימטע פעלדער
זאָל ער אַלע זיי צעווייען...

י.

יענקל יעדן ערב ווינטער
מיטן וואָגל זיך פאַרקנסט —
פרנסה זוכן פאַר ווייב און קינדער,
פאַרן הונגער האָט ער זיי געלאָזט.

מיט זיין גלויבן וועט ער זיך ניט שיידן
רופט זיין יעדער טראָט אַרויס אַ חשד
איז קומט אַרויס דער שטן אים אַקעגן
ווי ער געפינט נאָר אַ ברויט אין נע־ונד.

לאָזט ער זיך אויף נייע וועגן
און גייט וווהין די אויגן ווילן
און ווי מ׳קען אַ פונק צעבלאָזן
אַפילו מיט אַ ווינט אַ שטילן...

יא.

צום צווייטן מאָל פאַר דער קאַנטאָרע
פרעגט שלומל׳ס מאַמע אַ „פאַרוואָס״
דער משרת — געטריי מיט לייב און לעבן —
שליסט אָפּ די טיר פאַר ביילקעס נאָז;

און ווען זי קלאַפּט אָן אין שויב
און ווייזט די צורה פון אַ מטבעה —
עפנט זיך די טיר און מיט אַ שמייכל
באַגעגנט זי בכבודו דער בעל דעה:

— „פאַרוואָס־זשע האָסטו פריער ניט געזאָגט?
אַזוי, פּשוט דעם משכון אויסנאַרן געמיינט?״
אַ צופרידענער האָט אַ גלעט דעם קאָפּ אירן געשענקט
און ווי פון בוך זיינעם עפּעס אויסגעלייענט;

ער לאָזט דאָס געלד אין קעשענע אַראָפּ
און לעשט דאָס זיסע שמייכל אויס אין אויג;

האָט ס׳האַרץ אין ביילקען זיך צעיאָגט
און אירע קניען האָבן זיך געטאָן אַ בויג

— „האָסט נאָך ניט פּראָצענטן אַלע אָפּגעצאָלט
גיי, ברענג מיר דעם רעשט פון קערן!
הער אַן עזה, ווי האָסטו ביילקעלע זיך אויסגעמאָלט
פאַר שהי־פּהי דאָס פאַלטאָעכל דיר אומקערן?"

— „זייט מיר מוחל, די פּראָצענטן פון וועז
זענען ביי אייך אַזוי געשטיגן?"
מיט האַס און עקל האָט ביילקע די פראַגע אירע
אין אויגן זיינע אַריינגעשפּיגן.

ווי אַ צערייצטע חיה אין שטייג
גייט ר׳ מאָטל אַהין אַהער מיט ווילדע בליקן
רעוועט אויף זיין אַלטן ליבן נוסח
מיט וועלכן קען דאָס הערצל זיך דערקוויקן:

— „שנאָרערס, שלעפּערס, ווערעמדיקע בריאות,
(בלעטערט איבער די אָפענע גמרא)
פאַסקודסטווע, מיאוסע מויד
ווער פאַרן מינדסטן נאָגל מיינעם די כפּרה

„געפרעסן האָסטו ווייניק פון מיין ברויט?
חוצפּהדיקע. מיך חושד זיין אין חשבון קומסטו הער?!"
אַ פאַרשטוינטע שטייט די מאַמע דאָ
און וואַרגט זיך מיט אַ פרישער טרער:

— „געבן וועט איר מיר דעם קינדס פּאַלטאָעכל
דאָס דריטע מאָל שוין איך צאָל פאַר דעם.
ווי וועט ער אַ נאַקעטער די קעלטן איבערטראָגן?!
ניין, איך קען ניט קומען מיט הוילע הענט אַ היים!"

— „נו, וואָס קען זיין? וועט ווייניקער אַ קבצן וואַקסן
וואָס גייט מיך אָן, וואָס עפּעס מיך דאַרף עס האַרן?
אַ לאָך אין הימל וועט ניט ווערן...
איר זענט געווּנג, וועט אַ צווייגל דאַרן".

און דרייט זיך מיטן הונטן אוים צו איר
עפנט דער משרת שוין אַליין די טיר...

יאָר 1928

פאר צינזן אים טראַג איך וואסער

אין מיין שטעטל האָט אַמאָל
געלעבט אַ ייד — אַ וואַסער־טרעגער,
גערופן האָט מען אים רפאָל,
וואָס שמייכלט תמיד — לויט זיין שטייגער.

רפאָלן אין שטעטל קען מען שוין:
פאַר ניט קיין כעס'ן, ניט קיין האַסער,
צאָלט מען ניט, איז אומזיסט, אָן לוין
טראָגט ער ווייטער קאַנען וואַסער.

באַגעגנט ער וויינען אַן אָרעם קינד —
מיט אַ צוקערקע אים שטילט ער איין
הויבט אָן בלאָזן אַ בייזער ווינט —
גרייכט ער קודם צו זיין שיין...

* * *

לאה'לע זיין בת יחידה'קע —
אָן עין הרע וואַקסט געראָטן. — „מיר'ן
נדן זאַמלען סערצע איטקע,
אם ירצה השם זי צו חופה פירן,

והשנית צייטן גייען און לאָזן שפּורן,
און נעמען יונגע כוחות מיט מיט זיך —
דאַרף מען טראַכטן שוין פאַר אַלטע יאָרן,
וואָס וועלן, מיט גאָטס הילף, קומען גיך;

ביז וען, פון קאַיאָר ביז טיפער נאַכט,
וועלן מיינע פיס איבערן שטעטל שפּאַנען?
און די מידע הענט, אויסגעהאָרעוועטע, אָן מאַכט
טראָגן וועלן וואַסער פולע קאַנען?

און דו, ביז וען וועסטו אַלץ פאַרדייען
דיין באַלעבאָסטעס „שמייכל" און פון איר כוס דעם ביטער?
אַ געבויגענע וועסטו אַרום זיך פאַרזייען,
מיט הענט פאַרלייגטע, דיין צאַרטן ציטער!"

פרווט רפאל זיין ווייב דערציילן
ווי אים עצה'ט רב' דודל באַנקיר.
איטקע איז מסכים דער באַנק אויסציילן
די ערשטע סומע — קערבלעך פיר.

* * *

ווינטער — אויסגעפרוירן ביזן ביין,
זומער — פון קאָפּ ביז פיס אַ נאַסער
פאַר אַ גראָשן אים קען מען זען
באַלעבאַטים טראָגן וואַסער.

און יעדן גראָשן פון שווערער מי,
וואָס גיט אַ בלישטשע פאַר זיין שיין
גיך לויפט רפאל צום באַנקיר
און לייגט אים אין זיין קאַסע אַריין.

אַזוי מיינט ער איז זיין גורל —
עסן זאָל אין אַלע יאָרן
אַ האַרבן קנאָכל מיט אַ דאַרן סעכער
און טראָגן דוד׳ן זיינע שפּורן.

„ער צאָלט דיר צינזן?" — אים פרעגט אַ שכן
אַ פאַרשעמטער און אַ בלאַסער
שמייכלט זיך אין באָרד רפאָל:
— „פאַר צינזן, אים טראָג איך וואַסער".

* * *

אַזוי יאָרן און כמה יאָרן דעם באַנקיר
האָט רפאָל אי געלד, אי וואַסער אַלץ געטראָגן
ביז אין אַ טאָג פאַר אַ פאַרמאַכטער טיר
האָט אַ משרת געלאָזט אים זאָגן:

„זייט צוויי טעג די באַנק איז שוין
ביזן לעצטן טראָפּן אויסגערונען
און רב דוד׳ן איז ניטאָ
אין גאָרן שטעטל צו געפינען".

מיט דיין טראָפּן שווייס

מיט דיין טראָפּן שווייס און מיט דיין שווערער מי
אויסגעשאַרפט דו ווייסט, פאַרן האָלדז די האַק
און דו זוכסט די שיין און דו זוכסט די רו,
בעת דו הילסט זיך איין אין אַן אָלטן זאַק;

און ווי נעכטן היינט שטייסטו מיט הענט אָן מוט
און מיינסט מיין פריינט, אַז דו ביסט אַליין;
און אַזוי ווי איך ווייסטו אוודאי גוט
ווער עס באַגנבעט דיך ביזן ביין;

און דעם פאַלשן בליק האָסטו ניט דערזען,
צוגעזאָגט דיר גליק האָט גאָר אַ סך,
און ווי איצט אין גייסט אָרעם איז געווען —
ווי דער מת אין ווייסן, ווי די ווינטער נאַכט.

דו האָסט אַ שלאָס אַליין אויפן מויל געלייגט...
און זיך געוואַשן ריין פונעם פרייען וואָרט...
בלומען וואַקסן ניט פון אַ בלויזן שטיין,
בשמים קומען ניט פון געמיינעם אָרט.

פון דיין טראָפּן שוויים און פון דיין שווערער מי —
אויסגעוואַקסן ווייסט איז אַ שיינע וועלט...
פאַר אַ קליינער צאָל איז גאָר הויך דער פּלי...
בעת דיין באַליידיקט קול בלאָנדזעט אַלץ אין פעלד,

בליפּעסט, וויינסט און זיפצט זיך אין בויך אַריין,
און פאַר אויגן דיינע בליצט דער „אויבן־אָן"
ניט פון זיי דיר קומען וועט די שיין
טו אַ געשריי זאָל די ערד אַ ציטער־טאָן!

*

מיט דיין טראָפּן שוויים און מיט דיין שווערער מי
גלי אויס אין פלאַמען הייסע פאַר זיך די פייל!
טראָגן וועט זי דיר די שיין, ברענגען דעם אינדערפרי
און הילן וועט דיך איין אין איר העלער שטראַל!...

מיין חלום צייטיקט זיך

מיין חלום צייטיקט זיך אויף יעדן טויער
און ציט אין זיך, ווי טרויבן פונעם באָדן איין די זאַפט...
צעריבן ליגט דער גלאַנץ פון ברעכנדיקן מויער
און לעבער פון מיין ליידן־שיף — פאַרשטאָפּט...

דעם שטורעם שטילן נאָך עמיצער דאָ מיינט
פלעגט מען נעצן מיט כל המינים שטריק...
אין האַרץ די טרער, איינמאָל אויסגעוויינט,
קען שוין קיינמאָל ניט זיך אומקערן צוריק...

אין געדאַכטער שטילקייט שיפּען שלאַנגען און ס'זידט,
ס'זידט מיט טויזנטער פאַרדראָסן,
דאָ אָבער גייט אַ מענטש, וואָס ווערט ניט מיד
זיינע שווייסן געבן פעלדער, זאַוואָדן, מויערן און גאַסן...

בוקאַרעסט יאָר 1948

ה י י נ ט

גלויב אין דעם היינט וואָס גייט דיר אַקעגן
גלויב, אין זיין הייליקער ריינקייט.
פון טיפעניש וויל ער אַ פראַגע דיך פרעגן
צי אַ מבין דו ביסט אויף זיין שיינקייט?!

דו, וואָס אין שאַכטן טראָגסט דיינע שווייסן
און דו ביים אויוון ווו מעטאַלן זיך שמעלצן און גיסן,
דו, וואָס אַקערסט דעם באָדן אי קאַלטן, אי הייסן
און דו אין דיין וואַקל צווישן שיינעם און מיאוסן

ווייסטו ווי שווער דער היינט איז געבוירן?
אויף וויפיל צעחורבטע וועזנס געוואַקסן?
וויפיל טרוימען זיינען געגאַנגען פאַרלוירן
און אויף וועגן פון וועגן געבראָכענע אַקסן!?

אין שטויב פו צעריבענע לעבנס
געשלייפט האָט זיין שאַרף אַלץ דער אַקער...
און פון אויסבאַהאַלטענעם פונק אין געהיים
צעבלאָזן האָט זיך אין אַ פייער, וואָס פלאַקערט —

אויס אַ וואַרעמקייט און ליכט פאַר די פאַלדן
פון פליינען צעגרינטע אין סוף,
פאַר טרוימען צעבליטע וואָס הייבן
צו הייבן... צו הייבן זיך אויף.

דער היינט אין זיין לויטערער העלקייט
אין גערייל אויף ווינטיקע פליגל
האָט אין אַ בלומען־אָטעם פאַרהילט זיך
און אין אַ שמייכל פון אַ קינד אינעם וויגל...

איצט קומט ער אַ יעדן אַקעגן...
מיט אַ חנדל פאַר נעכטיקע שעצער...
צי דאַרף מען דען עמיצן פרעגן
צו עפענען פאַר אים אָט די הערצער!?

*

גלויב אין דעם היינט וואָס גייט דיר אַקעגן
גלויב אין זיין הייליקער ריינקייט,
פון טיפעניש וויל ער אַ פראַגע דיך פרעגן
צי אַ מבין דו ביסט אויף זיין שיינקייט?!

בוקאַרעסט יאָר 1948

מיט ליבע איך קום

באטקעלע מיינע

דעם אויפקום מדינת ישראל
15 מאַי 1948

אָ, באַטקעלע מיינע,
ווי גרויס איז דער טאָג!
מיין ליבע אין האַרצן
פון ווייטן דיר טראָג!

ווי נאָענט און טייער
דיינע ווענטלעך באַנייטע!
נאָך וויפל שוין יאָרן
ביסט היינט אַ באַפרייטע!?

אונטער אַ ברעקעלע הימל
מיט שטערנדלעך דריי —
וועלן הערצער פאַרבענקטע
זיך געפינען אויפסניי.

זאָל דער הימל אויך זיין
פאַר ווענטלעך דער דאַך,
דערגיין זאָלן בלויען
פאַר דער הייליקער זאַך!...

זאָל די היים זיין דערוויל
פון זאַמד און פון שטרוי,
אַבי אויף ליפּן פאַרטרויערטע
זאָל מער ניט קומען דער „אוי".

און זאָלן לידער שוין נייע
אויפן פריזבעלע שמאָלן
אויסזינגען די פרייהייט
פאַר דיינע בערג, דיינע טאָלן!

וויפיל יאָרן מיין פאָלק
געבענקט האָט נאָך דעם!?
אָ, ווי גוט איז דעם מענטשן
אין זיין אייגענער היים!

בוקאַרעסט, מאַי 1948

יורדים

צי האָסטו דען אויבעט באַשווייסט יענעם באָדן
און אַ בוימל אין וויסטע פאַרפלאַנצט ?
צי האָסטו מיטן אָטעם דעם מדבר געלאָדן
מיט פייכקייט, מיט פראַכט און מיט גלאַנץ ?

צי האָסטו געשניטן, געגראָבן די וועגן ;
צי האָסטו גערייניקט, געפלאַסטעט די גאַסן ;
צי האָסטו פאַר היצן געזאַמלט דעם רעגן,
ווען מיט ציבערס ער האָט דאָרט געגאָסן ? !

צי האָט דיין האַנט אַן איינציקן ציגל
געלייגט צו דער פרעכטיקער מויער ?
האָט געציטערט דיין האַרץ פאַרן גורל פון וויגל
וואָס עפנט ברייט איצט אויף זיין טויער ? !

* * *

שטיי איך פאַרהילט דאָ אין טרויער
און שטיק אַ פאַרדראָס אין געהיים...
שווער איז אַ פשוטן מוח אויסדרויערן
אַ וויי, וואָס ווייטיקט דורך די היים !

וויפיל לעבנס, שווייסן און מיען
האָבן דורות אין דער וויסטע צעזייט
אַז איצט זאָלן יידישע קינדערלעך בליען
און קייטלען מיט ווירדע די קייט ? !

בוקאַרעסט, מאַי יאָר 1954

צו יהודה הלוי

„אַ שטראַל ליכט זען וויל
איך אויף דיין הימל"

אַ דורותדיקן חלום האָסטו אין האַרצן היים געגליט
וויפיל ליבע, געבעט, בטחון, מאָן און לויב —
דעם אָרט ווו די יידישע נשמה האָט געבליט,
ווו איר גלאַנץ וואַלגערט זיך אין שטויב.

דיין געליטן האַרץ אין דער וויסטע איינגענאָגלט
איז ניט מיד געוואָרן אַלץ ווענען פרעגן?
ווען קומען וועט אַ סוף צו אַ בענקעניש און וואָגל,
ווען וועט פאַרבלאָנדזשען זיך אַ שטראַל אויף אירע וועגן?!

צו יענעם הימל, אַהין האָט זיך דיין האַרץ געצויגן,
ווי אַ זויג־קינד ציט זיך צו זיין מאַמעס ברוסט —
מיט אַ שטראַל אַ ברויז טאָן זאָלן אויסגעבענקטע אויגן
און צום לעבן וועקן זי דיין אָטעם מוז.

* * *

אין אַ טאָג האָסטו זיך מיט אייגענע געזעגנט
דיין איינציק קינד געווען איז צווישן זיי
מער האָסטו זיי שוין אין לעבן ניט באַגעגנט —
ביי וועלכע טויערן אויסגעהויכט דיין לעצטן ווי?

מיט אַזאַ געמיט אָפּגעגעבן האָסטו זיך דעם ים —
דעם ברעג פון האַרצן דיינעם אים פאַרטרויעט:
אַז טראָגן זאָל ער דיך צום וויגל פון דיין שטאַם,
אַז ברענגען זאָל ער דיך צום קוואַל פון בענקעניש און טרויער.

* * *

מיר האָבן צייטן מיט אַלע זייערע שוידערס אויסגעטראָגן
און אַזוינס, אפילו אין דיין יאָרהונדערט האָט מען ניט געהערט:
אַ צורר האָט געלאָזט דער וועלט אָנזאָגן —
אַז ביזן לעצטן יידן אָפּריינִיקן וועט די ערד;

און די וועלט מיט פאַרשנורעוועטע ליפּן איז געשטאַנען
און מיט תמעוואַטע אויגן — אַ קאַלטבלוטיקע
איינגעקוקט זיך ווי פלאַמען שלינגען אין מיליאָנען,
אַז איצט זאָל זי זיך דרייען אויפן קנאַפּל — אַ גוטמוטיקע...

* * *

אין אַ טאָג אַ זשמעניע גופעלעך מאַכן צו די ספרים זייערע
און פאַרפּישופּטע לאָזן זיך אין וועג מיטן חלום נאָר
ווו דער שטראַל פאַר טאַטע־מאַמעס הערצער שווערע?
די ניט דערוויינטע טרער איז אַ נחמה זיי געוואָרן גאָר;

מיט וויפיל מוט, מיט וויפיל ברען זיך אַ לאָז־געטאָן
און מיט הענט שוואַכע, אָבער איבערלאָדענע מיט תפילות נייע...
רייסן זאָלן שטיין פון שטיין — צעוויקלען ברייט די פאָן
פאַר נאָכקומענדיקע טרוימער — זוכער פון אַן אָטעם פרייען.

אין דער וויסטע דאָ צעגליט זיך ערשט אַן אַלטער גלויבן: —
דעם שוואַרצן טיך פון בלאַסן פּנים אירן אין אַ זייט פאַרציען
און אָפּטרעסן פונעם גוף כל מיני קאָלירנדיקע שטויבן —
אַז אויפסניי זאָל אויך ירושלים זיך פאַנאַנדערבליען...

* * *

איצט דאָס שטיבל מיטן בוימל, מיטן עוף, מיט דער ציג
אין פעלד און פעלדער גרינע אַרום, דו זעסט,
ווי דער העלד באַקרוינטער ווייסט ניט פון קיין וועג צוריק
און גיט דעם באָדן און דעם הימל אָפּ זיין בלוט און שווייס;

הער, ווי אויף דער גאַס, אויפן וועג, באַרג און טאָל
קלינגען קולות ביי דער מי, ביים אַקער, ביים פאַרזיי —
לידער זינגט מען אויף אַ לשון פון אַ מאָל, אַמאָל,
אויף זיינע קלאַנגען אויסגעזינגען האָסטו אויך דיין וויי;

גרייכט מיין בת־יחידה׳ס קול צו מיינע אויערן
און שניידט זיך איין אין אַ געמיט, וואָס וויל אַ פויגל ווערן
מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט קום איך דאָ אויף אַלע טויערן,
און זוך אַן אויער ער זאָל אַזוינע תּפילות הערן...

בענקט און שמאַכט מיין האַרץ נאָך אַ ריינעם אָטעם
פון אַ בלימל, גרעזל, ווייץ, קאָרן, היי —
נאָכן רעש אין גאַס, ווו קינדער שפּילן זיך אין שאָטן,
ווו יובל — דעם אייניק* מיינעם געפינען קען איך צווישן זיי...

אָט די חורבה נאָך וועלכער האָסט אַזוי געבענקט
און ווו עס רוט דיין ליבע אויף יעדן זאַמדל, שטיין
האָבן קינדער זייער לעצטן אָטעם איר אַוועקגעשענקט,
און העלדיש ענטפערן: „דער וווּנדער איז געשען!"

* אייניקל.

יאָר 1954

קול ישראל

אַ שטראַל האָב איך תמיד געזוכט אין די הימלען,
אויך צו הייליקע חורבות געגאַנגען אים זוכן;
ווען פּאַר טויטן כ׳שטיי און לעצטע רגע׳ס צעטומלען —
דעמלט ערשט צעבליט זיך מיין אַלטער בטחון:

אַז דיך הערן וועל קול ישראל, דיך הערן
וועט אַפילו די לעצטע צעל אין מיין גוף!
אמת, די געזוכטע שטראַל האַלסט אין ווערן?
צי ביסט גאָר אַ חלום, וואָס מ׳זעט נאָר אין שלאָף?

דיין קול איז פאַר מיר, ווי ס׳טראָפּעלע טוי פאַרן גראָז,
ווען אַ פּאַליקע היץ מיט דער וועלט וויל עס שיידן;
ווי אין נאַכט אַ פאַרשפּעטיקטער ווינט מיט זיין בלאָז
פרישט אָפּ מיין אָטעם מיט אַ ריח פון גן־עדן!

מיט אַ שטאָלצקייט, אין צייטן אַ פאַרלוירענע,
און מיט אַ פרייד — פאַרשיכורט גיי איך אַרום
זינט דיך מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם געהערט, נייגעבוירענע:
— „איך בין די היים פאַר מיין טאָכטער און זון".

ישראל, דיך הערן וויל איך, אייביק דיך הערן —
ווי ליבע און פרידן זינגט אוים דיין קול!
איך חלום? זאָג, אין אמתן האַלסטו אין ווערן
מיין געזוכטער שטראַל פון אַמאָל?!

יאָר 1948

וואס מיט חיים'לען איז געשען

אָט וואָס מיין מאַמע פלעגט דערציילן,
ווען ווי דו איך בין געווען,
(אין חדר פלעג איך דעמלט גייען)
אָט וואָס מיין מאַמע פלעגט דערציילן
אַ מעשה אַזאַ מיר אויסשיילן,
וואָס מיט חיים'לען איז געשען,
פלעגט מיין מאַמע מיר דערציילן,
ווען ווי דו איך בין געווען.

גרויס איז די מדינה ווי אַ גענעץ —
אירע קינדער ווי בלומען בליען
און אין סודות־דיקע וועלטן פליען.
גרויס איז די מדינה ווי אַ גענעץ
בייזע שכנים ביי איר גרענעץ
צרות שווערע אויפן לאַנד זיי ציען.
גרויס איז די מדינה ווי אַ גענעץ —
ווי בלומען אירע קינדער בליען.

און זינגנדיק אין גרינע פעלדער
פלעכט מען צעפעלעך פון זונען־שטראַלן —
זאָל העלער ווערן, זאָלן טויען פאַלן...
און זינגדיק אין גרינע פעלדער
שניידט מען קאָרן, פלאַנצט מען וועלדער
ביז אין טיפן שלאָף אַריין זיי פאַלן...
און זינגנדיק אין גרינע פעלדער —
פלעכט מען צעפעלעך פון זונען־שטראַלן...

חיים׳ל טרוימער אין פעלד פלעג ליגן
פון קאַיאָר ביז שפעט אין נאַכט
און געדאַנקען... אויסגעטראַכט.
חיים׳ל טרוימער אין פעלד פלעג ליגן
קלויבן שטראַלן... און ציען אַ ניגון...
צו יעדן שאָרך געווען איז וואַך...
אַזוי איז ער אין פעלד געליגן
פון קאַיאָר ביז שפעט אין נאַכט...

און אַז ער איז אין פעלד געגאַנגען
מיט זיין חלום צו העלע טעג
און שניידן זאָל צו זיי אַ וועג ! ?
און אַז ער איז אין פעלד געגאַנגען —
גרייכן צו אים ווילדע קלאַנגען
פון אַ נאָענט־וויַיטן וועג.
און אַז ער איז אין פעלד געגאַנגען
מיט זיין חלום צו העלע טעג ! ?...

פאַרוואָס־זשע ברומען שכנים בייז,
ווי ווילדע חיות אין די שטייגן ?

און אויבן — מאַלפּעס אויף די צווייגן?
פאַרוואָס־זשע ברומען שכנים בייז
און שאַרפֿן שפּיזן ביזן שוויים?
און סם המות קאַפּען פון די צווייגן?
פאַרוואָס־זשע ברומען שכנים בייז,
ווי ווילדע חיות אין די שטייגן?

די זון אויסלעשן — זיי באַשליסן —
פאַר חיים׳לס חלום אין די אויגן
און ווערן זאָל זיין קאָפּ געבויגן.
די זון אויסלעשן זיי באַשליסן,
בלוט פון אָדער זאָל זיך גיסן
און זיין אָטעם ווערן זאָל פאַרצויגן.
די זון אויסלעשן — זיי באַשליסן —
פאַר חיים׳לס חלום אין די אויגן.

אין האַרצן חיים׳ל טראָגט רחמנות
זיך חבר׳ן מיט שכנים וויל.
„ניטע" זאָגט ס׳האַרץ אים אונטער שטיל.
אין האַרצן חיים׳ל טראָגט רחמנות
בעת מיט הונדערט שפּיזן דאָ אַרום איז:
שוין זיין טויט און האָב מ׳וויל.
אין האַרצן חיים׳ל טראָגט רחמנות —
זיך חבר׳ן מיט „גוטע שכנים" וויל.

קעגן הונדערט — שטייט ער איינער
מיד שוין און אויסגעמאַטערט.
און זיין גורל — צאַפּלט, פלאַטערט...
קעגן הונדערט — שטייט ער איינער

מיט אַ געווייסן — שפּאָגל ריינעם.
צו דער זון זיי פאַרנאַרט ער...
קעגן הונדערט — שטייט ער איינער
מיד שוין און אויסגעמאַטערט.

שיקט ער בינטלעך זונען־שטראַלן
צו געמיינע ווילדע בריות.
הויבן אָן זיך קלעפּן וויעס
שיקט ער ווייטער זונען־שטראַלן: —
זאָלן שונאים — טויטע פאַלן.
אין זיינע עלנטע נסיעות —
אָנגעזאַמלט האָט חיים׳ל זונען־שטראַלן —
פאַר געמיינע ווילדע בריות.

אין זיין קליינער היים, דער טרוימער
שטעלט זיין חלום פאַר דער וועלט —
מיטן בלוט און שוויים זויגט־אָן ס׳פעלד
אין זיין קליינער היים, דער טרוימער,
און פאַר הײנטיקע בייזע רוימער
זאַמלט ער שטראַלן אָן אין פעלד.
אין זיין קליינער היים, דער טרוימער
שטעלט זיין חלום פאַר דער וועלט!

קום

פֿאַר אַט די „גליקלעכע אין־סופֿן", שטייט אַ טירל אין האַרצן אָפֿן
און עקשנותדיק ווײַל האָפֿן — אין בוי פֿון נײַע ווענט;
און דו שטייסט גאָר ווי אַן אבֿל, ווי אַמאָל בײַם ברעג פֿון בבֿל
מיט טרערן אויפֿן טבֿל אין אָפּגעשוואַכטע הענט!?

עס האָט זיך שוין דערעסן אַ „גן־עדן" מיט עס־עסן,
ווײַל מען אין קרבנות זאָלסט פֿאַרגעסן אין אַ פֿרײַער שעה.
אַזוי הומעלט מען פֿאַרנאַרטע, איז שוין גרויס די צאָל פֿאַרשפּאַרטע,
און אַ טייל שוין אויסגעדאַרטע ליגן שטומע אַלע דאָ...

און קאָכן זיך אין קויטן, און מ'אָטעמט אײַן די נויטן —
צאָלט מען שטייערן אַלע טויטן — אויף אַלע וועגן, אַלע גאַסן;
און עס הענגען שווערע כמאַרעס, ווי פֿאַר צײַטן בײַ די פּרעה'עס,
שלינגט מען ביטער אויף די נאַרעס און שטיקן זיך מיט האַסן...

ביסט געגאַנגען אויף אַלע שליאַכן, האָסט געלערנט אַלע שפּראַכן
און געצויגן אויף זיך פֿאַרדאַכטן... אַזוי עלנט ביסט געווען;
אַז מ'קיצלט היינט דיין מאָגן, איז דער וואָס שקר האָט געטראָגן
וועט דעם אמת קיינמאָל זאָגן און אוודאי מאָרגן דיך ניט זען...

ערגעץ שטייען אָפּן טירן, אין שטילע ערטער זאָל מען פֿירן —
דעם אומעט דאָרט פֿאַרלירן און העלער מאַכן דיין אַרום;
אויף דיר וואַרטן די בלייזיין: — פֿאַרן לעבן עס באַנייען
און פֿון מורא'ס זיך באַפֿרייען... מיט ליבע רופֿן זיי דיך: „קום".

יאָר ...194

מיט ליבע איך קום

שיין איז דיין בלי,
אַ טרייסט איז דיין העל.
מיט ליבע איך טרעט
אַריבער דיין שוועל.

פון מדינות איך קום
גרויסע און קליינע,
הערצער צום געפינען
דאָרט פשוטע, ריינע.

שטיל קלאַפּן פאַר זיך,
נאָך שטילער פאַר אַלע...
פאַרליבטע אין זייער זאַך —
ווי אַ חתן אין זיין כלה;

נעמען ביי קיינעם,
פון זייערן נאָך געבן...
באַמיען זיך — צום ליכט
זאָלן קערן זייער לעבן...

אין טיפן, אויף פלאַכן,
אין סעדער, אין פעלד: —
פאַר יושר און רעכט...
שטעלן זייער וועלט!...

יאָר 1957

היים

געפינען איך וויל אין ווינקל אַ דעם,
וואָס געפינט ביי זיין מאַמען אַ זון,
ווען ער קומט פון אַ ווייטער נסיעה אַ היים,
בעת מיט אַ שמייכל זי נעמט אים אַרום...

* * *

אַ געדאַנק, אַ געפיל אויף וועגן פאַרזייען —
געמעגט האָב צומאָל ערגעצוווּ...
אויך זוכן, ווי אַ בלינדער זוכט אוים זיין וועג
און פאַרן קאָפּ ניט געפינען קיין רו: —

ווען, די שעה געווען איז צו שפּעט,
און ווען געווען איז נאָך צו פרי,
אַז דער ווינט זאָל מיר שענקען אַ גלעט
און ווען — מיר ברענגען זיין ברי...

* * *

איצט מער ווי תמיד פאַרכאַפּט מיך דער אָטעם:
עס פּרעסט, און עס שטיקט און עס דריקט אים —
אַ פּשוטע טרער, ווער נעמט זי אין אַכט,
אָבער אַ טרער איז קיין וואַסער — זי ווערט ניט פאַרטריקנט;

די טרער וואָס איך ברענג איז ניט פון דער געטאָ —
ווו געטעם אייניק האָט מיר צוגעטיילט,
אויך ניט מיט דער האָב מקבר געווען חברים
אין דער געמיינער, צעפרעסענער וועלט;

זי איז אַ ירושה פון טאַטן גאָר מיינעם —
אַ פאַרגליווערטע כ׳זע ווי זי הענגט אויף זיין באָרד
מיט וויפל וויי איז זי אַרוים פון זיין אויג,
ווען האָב געצווייפלט אין דיין ווידערגעבורט;

אויך ער האָט זי געירשנט פון זיידן און געבענקט,
ווי אַ קינד נאָך דער ברוסט ביים אַנטוויינען
און מיר איז באַשערט צו דערלעבן
אַן אָטעם אין דעם צעבליטן ווינקל געהיימען!

איז געפינען איך וויל אין ווינקל אָ דעם,
וואָס געפינט ביי זיין מאַמען אַ זון,
ווען ער קומט פון אַ ווייטער נסיעה אַ היים,
בעת מיט אַ שמייכל זי נעמט אים אַרום!...

יאָר 1957

עס איז א שאד

„פאַרשריבן האָט איר זיך, מיין פריינט?"
פרעגט אַ ייד מיך אויפן אויער אַ סוד,
„דער לעצטער טאָג געווען איז היינט
עס איז אַ שאָד, עס איז אַ שאָד".

און איר פעטער וואָס האָט בדעה?
פרוּוו איך אים אין פּנים אַריינבליקן.
„אייגנטלעך, האָב איך נאָך דאָ אַ שטיקל דעה...
כ'ווייס, וואָס טויג מיר זוכן נייע גליקן?"

און הויבט מיר אָן שלעסער בויען
אויפן כרמל, ביים כנרת און ים התיכון.
צעשפּרייט די פליגל אין די בלויען
פון גליל, הרי יהודה, השרון...

קומט־זשע פעטער, לאָמער גיין
ניט צופיל זיך דאָ פאַרזעסן?
„גוט מיין זון, זאָגן וועט די היים,
וואָס האָסט מיך ניט פאַרגעסן".

„כ׳ווייס נאָך ניט וואָס כ׳זאָל טוען
דאָס רעדל דרייט זיך דאָ טשיקאַווע...
דאָ פאַר מיר איז נאָך העל דער טאָג,
נאָך אַ פּעטן מיטאָג־טרינק איך נאָך אַ קאַווע...
* * *
אַזוי דרייט ער מיטן ווענטל „פּיין"
ביז אַזוינס איז אים געשען:
אין חד גדיהו איז ער דאָך אַריין,
אַז עסן זאָל נאָר פיש מיט כריין...

און פאַרגעסן זאָל אין טעם
פון אַ פּעטן מיטאָג מיט אַ שוואַרצער קאַווע;
און דאָס רעדל זאָל זיך שוין ניט דרייען
אַזוי גוט און אַזוי טשיקאַווע...
* * *
לויט אַ מנהג זייט אין לאַנד געקומען —
זיך אַדורכגיין פון מאָל צו מאָל:
איינאָטעמען די ריינע לופט פון די אַרומען,
אויפזוכן בלומען, וואָס וואַקסן אין גרינעם טאָל...

און אַ פרייד זאָל ס׳האַרץ אויסזינגען אין מיין נייעם ליד...
„שלום, שלום". פּלוצים מיר שטרעקט זיך אויס אַ האַנט.
און ווער זענען די שמייכלנדיקע אויגן ביי דעם ייד?
דער פעטער, נאָך די פיש מיט כריין, געקומען איז שוין אויך אין לאַנד...

איך קום אהער

איך קום אין לאַנד פון אַלע ווייטן
ניט נאָר לעבן אַ טאָג אַ גוטן...
מיך האָט אַ קול אַ הער גערופן —
אַ קול וואָס קומט פון מיינע בלוטן.

און ברענג מיט זיך מיין גאַנץ פאַרמעגן:
כוח און הענט, און פאַרן שוויים אַ העמד
און מיט זיי — אַ האַרץ מיט ליבע,
ליבע אָנגעזאַמלט אין דער פרעמד.

אַז אין אַלע ווינקלען מיינע כוחות
ביז די לעצטע איך פאַרטייל,
וויל איך כאָטש אין אַ צווייטן זען
פון מיין נשמה — אַ קליינע טייל...

און ניט ווי אַ שטומער מעסטן גאַסן
און קוקן זאָל מען אויף מיר קרום...
ניט זיך טיילן מיט דיין ביסן
אין לאַנד אַריין איך קום.

פאַר אַ טייל דאָ בין אינגאַנצן פרעמד...
און דו ווילסט מיך ניט דערקענען.
אויף וואָס־זשע האָב איך אויסגעביטן,
אַז ערשט דאָ הערצער פאַרמאַכטע זענען ? !

האָט דיין מאַמע דיך ניט געלערנט
אין מיר אַ קרוב זען ?
און דו שעמסט זיך מיט איר לשון
און קענסט איר תורה ניט פאַרדייען

ווי כ׳זע דיך דאָרט — אויף פרעמדע גאַסן,
ווען צו זעט געשניטן האָסט דיין ברויט
ביסטו אויף אַלע פיר געקראָכן —
אַרויס וואָס גיכער פון דער הויט...

און דאָ, מיין האַנט אַן אויסגעשטרעקטע
זי אַ דרוק־טאָן איז דיר שווער...
וויִ, ווי זענט איר טרוימען מיינע
איר האָט דאָך מיך געבראַכט אַ הער ! ?

*

איך קום אין לאַנד אויף אַלע וועגן
ניט נאָר זוכן אַ טאָג אַ גוטן...
מיך האָט אַ קול אַ הער גערופן...
אַ קול וואָס קומט פון ריינע בלוטן.

יאָר 1957, רמת־גן

איך שעם זיך

איינזאַם איך בלאָנקע אַרום אין דער געגנט,
ווו געלייגט האָב אַ ציגל צו איר אָרון קודש...
און זי מיט אַ גרוויליקער קעלט מיך באַגעגנט
תמוז — אין זיביצטן טאָג אינעם חודש;

און טרוימען אויסגעבענקטע אויף שטויב האָט צעריבן
און פאַרוואַרפן העט... העט אין תהומען,
נאָר אין האַרצן אויף אייביק זיי זיינען פאַרבליבן: —
דער יסוד פון הייליקסטע פלאַמען...

* * *

איך שעם זיך פאַרן הויך, וואָס וויל אַרויס אויף דער פריי
און ווערן דער טוי פאַר דער מדבר...
איך שעם זיך פאַר דער לופט, וואָס כ'אָטעם דאָ איין —
אויך זי בענקט נאָך איר אַמאָליקער ריינקייט שוין ווידער.

איך שעם זיך פאַר די רוימען און זייערע אין־סופן:
ווו עס רוען תפילות מיין טאַטנס און זיידנס;
איך שעם זיך פאַרן האַרץ, וואָס תמיד איז אָפן —
פאַר וויען אויסגעהויכטע פון מיין באַליידיקטער עדה...

איך שעם זיך פאַרן אָרעמען פעדעמל ליכט,
וואָס רייצט נאָר די חושים פאַרשמאַכטע, —
בעת די זון אין איר מילדקייט מיט אַ קלאָרן געזיכט
צייטיקט אַלץ שקרים, שקרים פאַרטראַכטע...

איך שעם זיך פאַרן טראָפּן פאַרלוירענעם שווייס,
וואָס געפאַלן אויף אַ צעגליטן באָדן...
איך שעם זיך פאַר דער טרער — אַ פאַרצאָרנטע, בייזע...
פרוווט ווידער ס'האַרץ מיט בטחון אין מיר לאָדן...

ווי תמיד ס'האַרץ טראָגט אַ ליבע אַ שטילע
און ווייען אין טיפן אויסבאַהאַלט...
אַז איך האָב ניט ביי וועמען צו פרעגן אפילע:
פאַרוואָס הינטער אַן אייגענער זון זאָל זיין אַזוי ווייטיקלעך קאַלט!?

*

איינזאַם איך בלאָנקע אַרום אין דער געגנט,
וואָס געווען מיר איז הייליק — ווי פון הימל אַ וווּנדער —
און זי גאָר מיט אַ גרוויליקער קעלט מיך באַגעגנט!
אַזוי זעט אוים די וואָר פון מיין חלום אַצינדערט!?

יאָר 1959

הימל

גראַפּערן

איך האָב פאַרן הימל קיין איינציקע שורה
פון התלהבות אין האַרץ ניט געפינען. אַ קאַלטער,
ווי אָפּט ער האָט מיך „מחיה" געווען מיט אַ בשורה:
אַז די זון וועט איר פּנים פאַר מיר אויסבאַהאַלטן...

מיט עקשנות כ'האָב אין געהיים אַליך געקלעטערט
און ניט אויפגעהערט גליען אין האַרצן אַ הייסע כוונה:
(אַז חלומות ניט מיינע האָב איבערגעבלעטערט)
זאָל אַ חלום פון דורות — זיין מיין אמונה...

אַז צוויי מאָל אין יאָר פאַר טוי און פאַר רעגן
צו אים מיין געבעט געווען איז אַפילו —
איז אַ בלעטל פון בענקשאַפט זאָל איך פאַרבייגן
און עפענען אַ נייעם דורך אָט אַזאַ תפילה...

* * *

ע ר ד

האָסטו אַמאָל אויפגענומען אַ קרעכץ ביי דער ערד,
ווען זי שמאַכט נאָך אַ שטראַל אינעם ווינטער?
צי געזען זי אַ פאַרסטאַרטשעטע אָטעמט ניט מער,
ווי פאַרן קבר דער מת אויפן צווינטער?

צי ווי דער פויגל, פון זיין נעסט אַ פאַריאָגטער,
ליגט איינזאַם ערגעץ, ווי פאַרשפּאַרט אין אַ שטייג —
טרוימט נאָך דער פריי און עס מוטשעט און נאָגט אים
אַ בענקעניש נאָך זיין גרינעם צעבליטן צווייג?!...

. . . .

און ווען אַ פאַרבלאָנדזשעטער שטראַל גלעט אירע אברים,
מונטערט, טאָרעט און וועקט זי פון שלאָף —
דאַן קרעכצט אונטער ס׳אייז און, ווען אָטעמען הייבט־אָן —
שאַרט זיך דער שניי אַראָפּ פון איר גוף...

אַ דערמינטערטע — עפנט זי ברייט אירע אויגן —
שווין־זשע אַ חנפדיק שמייכל שפּאַצירט אויפן פּנים אַרום...
רעשיק פון הימל קומט צעפליען דער פויגל
און ברענגט איר דעם ערשטן „גוט מאָרגן” אַראָפּ...

און איך? קוק אוים זיך די אויגן אויף אירן אָן אָטעם
מיט זיינע געבענטשטע צאַרטע אַראָמאַטן
שטעלט זיך אין מיטן אַוועק אָט אָ דער שטן,
וואָס פאַרלאָזט ניט מיין וועג פון כמה שוין צייטן?!...

. . . .

אַז כ'האָב ניט געאַקערט, האָב איך אויך ניט געזייעט
איז אַוודאי אָן שווייסן פאַרבליבן מיין העמד...
דערפאַר איז דער ריח פון פריש־געקאָסעטן היי
און פון שוימיקן וויין פאַרבליבן מיר פרעמד...

ס'האַרץ אין מיר צאַפּלט — ס'וויל זינגען אַ שבח
די פאַרכישופטע פעלדער און סעדער אין בלי,
נאָר ס'קול האָט ניט קיין שליטה, ס'איז אָרעם און שוואַך...
פאַר דער ברכה... — איך קאָן ניט געשטעלט האָב מיין מי...

. . . .

מיט ריזאָטע און וויי און מיט עקשנות געקלעטערט
און אין האַרצן געגליט אַ הייסע כוונה...
אַ טייל פון מיין חלום דאָ האָב איך צעבלעטערט
און אין דער צווייטער — בלייבט מיין אמונה!...

יאַר 1961

ביימער

ביימער, ניט ווי אַלע פונעם גאָרטן,
חלומען אַ חלום זייערן און שטילע
שטייען פאַרן עמוד אויסגעפּרוּווטע
און שאָקלען פאַר אים אויס אַ תפילה;

זוכן, נישטערן אין אַלע הייכן,
די מילדע שטראַל פאַרן בלי...
און הכנעהדיק רימען, לויבן, בעטן
און פאַרזייען אומרו ערגעצוווּ...

רעדט מען זיך פון האַרצן אָפּ —
צערעוועט ווער אַזאַ געוויין:
אַז הימלען ציטערן פאַר מורא אויף
און וואַרפן נאָך אַ קללה אַראָפּ...

און ביטער ווערט שוין די טרער —
די שווערסטע פון אַלע טרערן,
עס לאָזט זי פאַלן משיח אַליין...
אויפן חלום, וואָס האַלט אין ווערן...

*

ביימער, ניט ווי אַלע פֿונעם גאָרטן,
ביים עמוד שטייען שטילע, פֿאַראָרעמטע
און שאָקלען אַלץ אַן אַלטע תּפֿילה אויס...
פֿאַרן חלום, נאָך פֿון אבות אויסגעחלומטן...

„וואַרפט זיי אַרויס"

אַז מיר שיקן שליחים אַהין ווו מ'מעג,
דאָס טוט מען צוליב דער מדינה,
איז גיט מען זיי מיט אַ תורה אין וועג —
וו'אזוי ס'יידישע האַרץ אויסגעפינען...

מ'דאַרף דאָך אַ דאַך... און מ'דאַרף...
וואָס הויבט זיך נאָר אָן מיט אַן אַלעף;
אויב ציינער אין מויל ווערן שאַרף —
ווערט אויך שאַרפער ביים שוחט דער חלף...

איז מיר שיקן שליחים אַהין ווו מ'מעג
אַ פֿאָדעם אָנקניפּן, אַ בריקל פֿאַרלייגן
און לטובות הכלל... אויך לאָזן אין וועג
אַפּילו אַ פֿאַלשע נבואה זיי מעגן.

מיר שיקן שליחים פֿון אַלע קאַלירן —
מ'זאָל זיך מיט זיי דאָרט ניט שעמען...
און ווער דעם וועג אויף צוריק וויל פֿאַרלירן —
דעם שפּייט אויס מיט עקל די היים אים.

* * *

אַ שליח, שטיל און באַשיידן מוז גערן
פֿאַרדייען, כּל מיני חכמות נגידישע
און מיט האָס און ריזאַטע דאַרף הערן
ווי קינדער זינגען לידער גאָר יידישע...

פֿאַר אַזאַ חשובן גאַסט אין אַ יידישער שול,
ווי אין מזרח מיט גאווה גלעט זיך די באָרד,
לאָזן קינדער הערן זייער אָנקער מיט מדינת ישראל
און אַליין זוכט אין דער נאָז מיטן פֿינגער די וואָר...

ער האָט ניט געריסן די שטיינער אויסן באָדן
און ניט געפּאַשעט די סטאַדעס אויף כּל מיני גראָזן,
ער האָט גמראות געבלעטערט — צום פּאַרקויפֿן געלאָדן
און אַליין אויפֿן הר סיני שופר געבלאָזן —

זיצט ער דערפֿאַר אויבן־אָן דער חשובער גאַסט
און געדולד שוין פֿון זיך אַליין מאָנט ער,
מיט צוויי פֿינגער, ווי פֿאַר אַזאַ יידן נאָר פּאַסט —
שאַרט ער אַ פּאה הינטערן אויער זיך אַרונטער;

און פּלוצים בליצט אויפֿן מויל אויף אַ שמייכל
און פֿון זיינע אויגן מיט ווילדקייט אַ ברויז,
ער טייטלט אויף בילדער — י. ל. פּרץ און שלום עליכם —
— „ווער זענען זיי, שרייט ער, וואַרפֿט זיי אַרויס!"

* * *

אַז מיר שיקן שליחים אַהין ווי מ'מעג,
דאָס טוט מען צוליב דער מדינה...
איז גיט מען זיי מיט אַ תורה אין וועג —
ווי אַזוי אַ יידישע נשמה געפֿינען...

יאַר 1961

קום אין גארטן

קום אין גאָרטן, קום אַריין,
מיטן אָטעם טיילן — איז אַ כוונה,
דאָ ווינטן בלאָזן שוין ניט מער,
דאָ רעגנס שמייסן ניט אין פּנים...

קום אין גאָרטן, קום שוין, קום,
צעוואָס זיך דרייען אין זיינע אַרומען?
ער נעמט אויף גוטס, ער דולדעט שלעכטס
און וויגט איין ביידע אין פאַרפומען.

געפינען ווילסט דאָך סוף אַ וועג —
איז אין לידער זיינע הער זיך איין:
ער זינגט זיי שטיל, ווי ער מעג...
קום אין גאָרטן, קום אַריין!

אַ מאָדנע נוסח און מאָדנע פאַרבן —
צום געפינען איז אויבעט דאָ...
און פאַרן מיסט — אַ בייזעם זוכט ער,
און נחת־רוח טיילט ער צו.

קום אין גאָרטן, קום אַרײַן,
מ׳איז דיר מוחל, שעם זיך ניט
און אַז עס וואַקסן ווילדע גראָזן —
איז ווי וואַקסן זיי דען ניט?!

קום אין גאָרטן, קום שוין, קום,
חוצפּה הייסט ביי אונדז גאָר מוט?
אַזוי, ווען וועגן ברייטע, וועגן פרייע
היצן אונטער דאָס הייסע בלוט...

נעכטן ערשט

פאר אומבאקאנטן

— וועןפֿאַר אומבאַקאַנטן שטייסטאין אַ גרויען טאָג
טאַפּסטו ווי אַ בלינדער אָן די שיין...
— אומזיסט צעוואַרפֿסטו די געדאַנקען דיינע דאָ
טראַכטנדיק זיך אין דער נאַכט אַריין...

דאָך, וואָס וועט אַ יאָר אַזאַ מיר ברענגען
שרעק און סם־המות אין אַלע זייטן?
— צי וועט גאָר אַ בשורה אויפֿן האַרצן הענגען
פֿון אַלטע האָפֿענונגען אין נייע צייטן?!

— :און פֿאַרן אומעט מיינעם שווערן
אַ העלע רגע, אַ קלאָרע שעה,
אַ צאַרטן גלעט מיין מידן שטערן,
אַ פֿרייען אָטעם פֿאַר מיין רו?!

אַזאַ שיינקייט אין אירע העלן
מיט אַלע כּוחות און ריינע זיטן
וועל איך אין ארון קודש שטעלן
און ווי אַ ספֿר תּורה היטן!

* * *

ווי אַלע — שטיי איך אויך און וואַרט
מיט יאָרן אויסגעוויקטע אין ביטער.
נאָך אַ ביסל וואַרעמקייט מיין נשמה גאַרט,
בעת זויפּט אין זיך אַ קאַלטן ציטער...

כ'ווייס ניט וועלכעס לויט דער צאָל
שווימט אַרויס פאַר מיינע אויגן...
צי שטייען וועל איך נאָך אַמאָל
פאַר אַן האָריקן געבויגן?!

און פון שווערע וועגן אין דער וועלט
צי וועט שוין זיין ס'לעצטע יאָר?
צי זוכן וועל איך אַליין אין פּוסטן פעלד
דעם „אַלעף" פונעם אמת גאָר?!

יאָר 1939

ווי דו

ווי דו, איך זע דעם שונא אין אַ ווילדן בראַנד,
פריי מיטן חלף אין זיין מאַלפיש מויל —
אַ פאַרשיכורטער אין בלוטן איבער ערדן שפּאַנט...
און אַ וועלט שמייכלט צו — ער טוט די אַרבעט וווּל...

ווי דו, פיל איך די געפאַר ווי גרויס זי איז,
אויף אַ רגע לאָזט זי מיך ניט צורו: —
אַזוי גייט זי אונטער מיינע פּלייצעס נאָך
מיט איר תליה, פאַר מיין האַלדז, אין יעדער שעה.

ווי דו, איך הער דאָס שיפּען פון דער שלאַנג
און זע ווי מיט בלוט פאַרגאָסן איז איר בליק;
לאָז אַלע כוחות דיינע אין גאַנג —
איידער ס'ברעכט זיך איין די לעצטע בריק!

*

אַזוי שטייען מיר פאַר אַ טרויעריקער וואָר,
ניט אַ זאַטן טיש זוכן מיר דעם מאָגן,
פאַר אַ בלויזן אָטעם דאַרפן מיר צאָלן גאָר,
אויף אַ האָר מוזן מיר דאָס לעבן טראָגן

אין שלאָף אַפילו טראַכט ער צו נייע טויטן
און פּראַװועט טישן אויף אַלעמענס בייזוױנדער;
ניט מיט שװאַכע הענט און אויסגעשטרעקטע העלדזער
שטייען דאַרפן מיר פאַר אים אַצינדערט.

ביז די לעצטע כוחות דיינע שטעל אין קאָן!
אין בלוט און פייער גייען אָפּ שוין דיינע גאַסן,
פאַר דיר אַ נייער בלאַט אין לעבן הייבט זיך אָן —
וויש אוים דאָס אויג און לאָד עס אָן מיט האַסן!

שלאָג! אויב קיין ביקס ניטאָ, קלאַפּ אים מיט אַ שטיין!
פעלט אַ שווערד, זאָל דיין פויסט פאַרמאַכן אים די וויעס!
און ווען דאָס אויך ניט, טאָ רייס זיין אָדער מיט די ציין!!!
„גלייכער פאַלן ווי אַ העלד, איידער לעבן אויף די קניען".

יאַר 1941

מאמע

אויף בלעטלעך פֿאַרגעלטע אונטער אַ נאַקעטן בוים
אַ גוף אין אַ גערעאַנגל — אין קלעם פֿון אַ צוים —
הויכט אוים שוין די לעצטע ווײ.
דער באַוועג פֿונעם שאָטן געווען איז דער לוין?

צי אויף אַ תכריכים געקליידעטע ערד
האַלטן די פּים זי ניט מער —
דער הונגער און דורשט און די קעלט
שלײפֿן זי אײן אין דער רוצחישער וועלט?

אפֿשר ביים וואַלד, וואָס אָקערשט וואַכט אויף,
נעבן אַ בלוטיקן טײכל, נאָך וואַרעם,
האָט זיך אַדורכלויפֿנדיק ווינטל דערבאַרעמט
מיט אַ גלעט פֿאַרן לעצטן צאַפּל פֿון גוף?

צי אין אַ פֿאַרכישופֿטער העלקייט אַרום
פֿאַר זוניקע אויגן אין געאייל
מיט טויען פֿון אַ צעוויקלטער בלום
באַוואַשט זיך ס'בלוט דער זאַטער שאַקאַל?

• • • • • • • • • • • •

הער מיך מאַמע! הער די בלאָנדזוענע טייל פון דיין וויי,
צווישן קברים אוןליידן זוכט דיין אייביקע רו;
אין יאָמער פון ווינטן — איך הער דיין לעצטן געשריי
און אַלץ געפין ניט אין צייטן דיין פאַרגאַנגענע שעה.

איינזאַם, און עלנט מיט מיין וואָגל אַליין,
און מיט האָפענונגען פאַרלוירענע און פון טרוימען גענאַרט;
ערשט נעכטן געשטילט האָב דיין רחמנותדיק געוויין,
אין אַ זייט האָב אַ טרויער פון דיינע ברעמען פאַרשאַרט;

אַלץ דרויבל אין קאַמף מיינע יאָרן און טעג,
פאַרלאָזט פון אַ טייל ביין, פאַרראַטן, פאַרשוועכט
און מיט גאָר אַ קליינער גיי אויף אַ נייעם שוין וועג...
וועט ער מיך פירן צו די שטאַמען פון יושר און רעכט?

* * *

ביסט אַ קרבן געפאַלן, אין דיין קבר מיט בלוט פול באַגאָסן
איז אַ טרער ניט געקומען פון קרובים, אויך ניט פון שכנים —
אויך זיי: דערשטאָכן, פאַרסמט, דערשטיקט און צעשאָסן.
האָסטו דיין רעכט ניט באַקומען פון קברן, פון קיינעם.

ווו דיינע ביינער עס רוען כ'הויב ניט אָן וויסן,
דיין קבר וועט אייביק בלייבן מיר פרעמד.
אין העל פונעם טאָגן — איך זע דיין געוויסן,
אין שקיעה — איך זע דיין פאַרבלוטיקט העמד.

* * *

געבויגן אין דרייען איך שטיי פאַר דיין אָרון,
ווי כ'זע דיך אין שטיבל אין איינע פאַרנאַכטן,
הויב איך אָן שיילן מיין ווייטן זכרון
אין זוכן די שטראַל, וואָס האָט געקענט גאָר באַלויכטן

דאָס געלע בלעטל פון מיינע קינדערישע יאָרן,
זע איך אַ פונק פונעם אָוונט־געבוירענעם שטערן
שפּיגלט זיך אָפּ אין דער שיין פון אַ שנירל זילבערנע טרערן.

ווי קען מען פאַרגעסן דער מאַמעס גוט־האַרציקע אויגן? —
צוויי זונען הענגען אַלץ איבער דיין וויגל!
מיט וויפל ליבע און מוט האָסטו מיין האַרץ אָנגעזויגן
און פאַרקיילט עס צום קאַמף — דאָס בייזע באַזיגן!?

* * *

האָסט נאָך אַ מענטשן געטרוימט און געבענקט,
זיין האַנט ביי דיין האַרצן דערוואַרעמט
און אים תמיד דיין ליבע געשענקט,
און אים האָסטו תמיד דערבאַרעמט.

ווער האָט דיך באַרויבט פון אַלעמען, אַלץ
און צרות פאַר דיין טיר אָנגעשיט האָט אַ סטויג?
ווער האָט די שאַרף געפּרוווט אויף דיין האַלדז
און ווער אויסגעלאָשן דאָס ליכט אין דיין אויג?

ווער האָט דיינע לעצטע רגעס פאַרביטערט
מיט כל מיני מיטלען געמיינע און מיאוסע?
ווער האָט באַשפּיגן דיין צאַפּל און ציטער
און אַריינגעלאַכט אין דיין פריצייטיקער גסיסה?!

אין וואָגל די עלנטקייט פלעג דיר קיינמאָל ניט פעלן —
אַזוי אַ פאַרגאַרטלטע געווען ביסט מיט ביידע;
און איך בין געבליבן מיטן ווי זיך דאָ טיילן: —
מיט דיינעם, ווי אויך מיטן ווי פון מיין עדה.

* * *

כ'ווייס ניט מיט וואָס פֿאַר אַ מיטלען דער טויט
אומברחמנותדיק צו דיר זיך געאײַלט און געצויגן,
כ'ווייס נאָר ווי שווער האָסט באַקומען דײַן ברויט
און ווי הויך און ווי ווײַט דײַן נשמה איז געפֿלויגן;

דורך כל מיני גאַזן, תליה, קויל,
מגפֿה, שײַטער, הונגער, קעלט
צי שטויביקע ערד האָט פֿאַרשאָטן ס'מויל,
וואָס געלערנט מיך ליבן די וועלט?!

אויך געלערנט אין מענטשן געפֿינען
ס'שיינע, ווען עס פֿעלט אים אַזעלכעס אַפֿילו
און מײַן כעס זאָל ניט פֿאַר קיינעם באַגינען —
אים האַלטן אין זיך ערגעץ אַ שטילן;

ווי מ'היט נאָר די אויגן אין קאָפּ,
אַזוי היט איך דײַן תורה, ווי מיך לערנען באַוויזן,
פֿון איר מאַמע, טרעט איך קיינמאָל ניט אָפּ —
זי בלײַבט מיר מײַן אָנשפּאַר, זי בלײַבט מײַן געוויסן.

*

איך געדענק יענע גרויע, פּראָסטיקע טעג,
ווען אויף פֿענצטער כלערליי ביימער זיי מאָלן:
געפֿעלט האָט דיר מעל צו פֿאַרקנעטן אַ טייג,
אָן מילך זענען געשטאַנען די לעדיקע שאָלן,
אַ שטיקל צוקער פֿעלט אַוודאי פֿאַרן גלעזל טיי,
דערפֿאַר אַ בטחון האַלט ערגעץ אין ווערן,
ווען פֿאַר דער שטוב הייבט־אָן זיך טאָפּן דער שניי
און אין אויג טוט אַ בלישטש דער זילבער פֿון טרערן.

דער טאַטע אין יעדן אינדערפֿרי
ביז שפּעט אין דער נאַכט
— — — טראָגט דעם גביר אָפּ די מי
און דו,
מיט טרויער אונטער ציטערדיקע ברעמען
ב אַ ש ו ל ד י ק ס ט
באַשולדיקט האָסט ווען?
— — — אויך זיך
און ווי געקלאַפּט זיך על־חטא...
איז וואָס האָט מיך דערמוטיקט,
וואָס האָט מיך געזעט?
אַז ניט די טרער פֿון דיין אָפּטן געוויין!?
האַלץ און קאַרטאָפֿל האָבן אויכעט געפֿעלט,
דאָך
האָט די וועלט דיר
אַ שיינע אויסגעזען
— — — און תּפֿילות גאָט שיקן
דו האָסט ניט פֿאַרפֿעלט.
*
אַט איז ניטאָ שוין פֿאַרן רבין שכר לימוד
ווערן טירן פֿון חדר פֿאַר מיר אָפּגעשלאָסן
איז וויפֿל כוחות און מיען גייען לאיבוד
און וויפֿל טרערן ווערן ווידער פֿאַרגאָסן!?
רייסט איין די הימלען, קערסט איבער וועלטן —
אַ קישן פֿאַרזעצט, פּראָצענטן באַצאָלסט
לויפֿסט אַרום אין די גאַסן
און עס נעמען דיין גוף ניט די קעלטן
אַזוי האָסטו אויף שטויבן
דיין לעבן געמאָלט.

מיך הערן מעביר־זיין די סדרה
האָסטו ווי אַ קינד

אָ נ ג ע ק ו ו ע ל ט

מיט וויפל פרייד צעשפּרייטצט איך די הייכן

די פליגל!

און אַ טרוימיקע גוטקייט פון אַ באַנייטער וועלט
אין דיינע אויגן אויסגעוויינטע האָט זיך קלאָר אָפּגעשפּיגלט.

*

אָט די אינדערפריען פון זון רייך באַשיינטע
מיט אַ שפע פון זילבער און גאָלדענע שטויבן,
(ווי וואָלסט געשטאַנען פאַר אַ פאַרכישופטן שפּיגל)
נאָר זיי מיטן אָרעמען קינד אויך באַפריינדעטע
עפנען די טיר אים, ווי פון שטייג פאַר די טויבן,
צעשפּרייטן זאָלסט אויבעט דיינע ניט דערוואַקסענע פליגל —
מיך פלעגסטו מיט גוטן און מיט בייזן אָפּפירן
צום מלמד אין פינצטערן חדר
איך פלעג כליפּן

און דו

מיט אַ שמייכל צו זאָגן:
— „מיר'ן גייען אין גאָרטן שפּאַצירן
שבת אין שענערע קליידער".

— — — ווי ערלעך געגלויבט אינעם חדר —
זאָל עס ליבע אין הארצן פאַרזייען,
בעת אַנדערע האָבן זייערע געלערנט —
וויאַזוי יידישע קינדער רייסן אינצווייען...

בעת האָסט נאָך ליבע געטרוימט, נאָך איר ממש געלעכצט
האָבן נישטיקע דייטשקעס מיט דורשטיקע ליפּן

זייערע מאַלפּעם געזויגן און פּאַר פּעיקע געשעצט: —
ווי אַזוי העלדזער מיט שטריקן ענגער פאַרקניפּן;

בעת אין חדר געלערנט מיך ליבן, נאָר ליבן
און קיינמאָל דעם וועג ניט אויסמיידן,
פאַרוואָס האָט מען פּריצן אַזאַ תורה געגעבן:
וויאַזוי ביזן לעצטן יידן פאַרשניידן?

ווי נעמט מען אַ קללה צום שעלטן
און אַ מגפה זאָל מאַכן פאַרשטייען
די, וואָס נאַקעטע קינדער געשליידערט אויף קעלטן
און קעפּ זייערע געדרויבלט אין שטיין!?

*

פיל שלאָפלאָזע נעכט ביסט געשטאַנען געבויגן
איבער מיין בעט, ווען גענאָגט מיינע בלוטן דער פיבער,
ווי היים האָבן געזאָטן דיינע טרערן פון אויגן
און נאָך הייסער האָט געפלאַמט דיין מאַמעשע ליבע!

וויפל צער אויף דיין פּנים געווען אויסגעגאָסן,
דיין יאוש די הייך און ברען אין מיר האָט געלאָשן
און געעפנט ס׳מויל מיינס ענג צוגעשלאָסן.
ווי תמיד געפעלט האָט דער בלייענער גראָשן —
אַ רפואה באַשטעלן, אַ רפואה פאַרזאָרגן...
געציילט האָסטו מאַמע, וויפל מעת־לעתן
— — — ביז יענעם פרימאָרגן,
ווען געמאָנט האָב אַ טיי,
ווען געמאָנט עפּעס עסן?
פּלוצים פון פרייד און פון גליק
(ביים באַווישן דעם שוויים פון מיין פּנים)

האָט אַ פּלעמל אויפגעשטראַלט אין דיין בליק
און טרערן
אַ מבול

צעגאָסן האָסט ווידער
און מיך געהאַלדזט און געקושט,
אויסגעקושט אַלע גלידער
געווען ביסטו אויף אַלעמען גרייט.
דיינע ליפּן האָבן תּפילות געשעפּטשעט
איך האָב זייערע ווינטשן, איך האָב זייער געבעט:
„קינד מיינס, פאַר דיר, זאָל בעסער מיר זיין!".

האָט אַ טרער ביי דער תּפילה אויפסניי
אויף מיין שטערן געפינען איר רו —
אַז היינט זאָל איך פילן איר וויי,
אַז היינט זאָל איך פילן איר ברי

איך טראָג מיט דער טרער זיך אַרום,
געוואַקסן מיט איר ליבע צו מיר;
ווי אַמאָל מיך טרייסט אומעטום
און וועקט נקמה פאַר אַלע און פאַר דיר!

*

איך וואָלט אויף שטיקער צעביסן
דאָס נאַצישע שאַקאַלישע האַרץ,
וואָס אויסגעלאָשן דיין שיין, ס'לעבן צעריסן
און מיינס אויף אייביק פאַרשוואַרצט!

זאָל דער תּלין דערפילן דעם וויי
פון מיין קללה, זי מוז אים זיין אָטעם פאַרקניפּן;

זאָל באַזינגען די קראָ זיין געשריי
און פון קאָפּ אים די אויגן אויסציפּן!

זאָל מיין קללה אויף בליציקע פליגל
זיין מאַמען דערגרייכן
און אין איר קלעם די נאַצישע כנופיה
פאַרכאָפּן!
זאָל די שאַרף פון מיין שנאה שניידן,
זיי ברעכן,
— — — זיי שטיקן
— — — זיי בראָטן
— — — זיי קלאַפּן!

קעשענעוו, אַפּריל 1945

אַן אָנזאָג

ביים שטעטל אין אַווינטער פרימאָרגן אַ שיינעם
אויסגעפרוירענע ביזן לעצטן שוין אבר
טוליען זיך מאַמעס און קינדער אינאיינעם
און שרייען אַריין אין זייער אָפענעם קבר;

פרווּוט אַ מאַמע איר בן־יחיד דאָ שטילן,
פאַרמאַכט זי און עפנט איר ציטערדיק מויל,
לעבן איר קינד זאָל — איז איר איינציקער ווילן,
בעת וואַרט אויף דער קומענדיקער קויל:

— „ניטע, צאַפּל ניט און וויין ניט מיין קינד,
גאָר ניט, דאָ וועט גאָר ניט געשען,
דו מאַך צו די אייגעלעך דיינע אַצינד
וועסטו דעם צורר ניט זען;

כ׳וועל פאַלן אַזוי, כ׳זאָל דיך פאַרשטעלן
און דו, שטיל ליגן זאָלסטו געדענק!
ביז די נאַכט וועט אויסשלינגען די העלן
און די דייטשן פאַרפירן אין שענק;

אפשר, ניט תמיד מענטשלעכע הערצער פעלן
אונטער אַט אַזאַ ליכטיקער זון...
זיי דו פון די איינצעלנע — זאָלן דערציילן,
וואָס מיט אונדז דער דייטש האָט געטאָן;

דו לעבן וועסט בלייבן, מיך הער,
יאָ מיין קינד, דו לעבן זאָלסט איך וויל
און ווי דער אָטעם זאָל ניט זיין דיר צושווער —
ראַנגלען זאָלסט זיך מיט אים אין דער שטיל;

נאָך האָלבער נאַכט אויף אַלע פיר
קריך אַליין צום מזרח, ביז ווען
גרייכן די חורבה אָן אַ דאַך, אָן אַ טיר...
קינד מיינס, הער זיך איין און פאַרנעם:

ווען אַ ווינט פונעם וואַלד צו דיין אויער
וועט ברענגען אַן „אוי" און אַ זיפץ — איז פון אים, —
דאָרט באַהאַלט זיך אוים דער יידישער טרויער —
גייען אין דער נאַכט זאָלסטו צו אים!"

קעשענעוו, יולי 1945

זאג מיר באטש איין ווארט

אַ קליין הערצעלע
פלאַטערט, מאַטערט זיך,
קלאַפּט אַ טרויער אוים!

טרערן שטילע אויף די
בעקלעך קייקלען זיך
פון אויגן רויטע אַרוים!

אין אַ זייט ביי אַ גרוב
אָטעמט אַ גוף ניט מער —
אין בלוט אויסגעפלעקט,

און צוקאָפּנס זיצט
אַ קינד פאַרצאָרנט דאָ
און זיין מאַמען וועקט:

„מאַמע, מאַמעניו,
מאַמע טייערע
די נאַכט לויפט שוין אָן,

שטיי שוין מאַמע אויף
גיכער מאַמעניו,
שפּעט איז שוין די שעה!

פּאַרוואָס־זשע שווייגסטו אַלץ
ליבע מאַמעניו.
און רירסט זיך ניט פון אָרט?!

עפן שוין די אויגן
דיינע זיסע אויף
און זאָג מיר כאָטש איין וואָרט!"

*

אינעם הערצעלע
ברענט אַ פייערל,
ברענט און ברענט ניט אויס;

אויפן קבר טרערן,
טרערן בלוטיקע
לעשן זיך ניט אויס...

קעשענעוו, יולי 1945

טראַנסניסטריע

איבערן שטעכ־דראָטיקן מקלט אין טאָל
שיטן פליטערלעך זייער זילבער אויס אין דער שיין
און קינדערלעך קליינע פאַרקנוילטע אָן אַ צאָל
דעקן מיט גרויע הימלען זיך איין...

און מאַמעס אויף קני אין פריש־געפאַלענעם שניי
בעטן און דיכענען פאַר אַ טיר, פאַר אַ וואַנט...
טרייסלט אַ ווינט זיין שטויב אָפּ אויף זיי
און דער פראָסט גלעט פון אויבן צו מיט זיין האַנט...

הפקר, באַוועגן זיך שאָטנס אינדרייען געבויגן
פאַרשטאַרצטע מיט איבערגעפרוירענע בלוטן,
און אין מוטנע וואַסערן פון מאַמעשע אויגן
כוואַלעט אַ טרויער זיינע לעצטע מינוטן...

מיט גאָלדענע ציינער פון מויל אויסגעריסן
ווייגען מאַמעס פאַרן „בעל רחמים" געמיינעם: —
קינדער פאַרשלאָפטע זאָל ער כאָטש שענקען
אַ שטיקעלע דאַך פאַר די גופעלעך קליינע —
זיי זאָלן זיך דאָרטן אויסקרענקען.

* * *

רואיק פינקלען פליטערלעך ווייסע און, דאָ
צווישן שטעכ־דראָטיקן מקלט אין טאָל
באַוויינען הימלען וויפיל שוין שעה
קינדער אויסגעפרוירענע — שטיקער אייז אָן אַ צאָל...

קעשענעוו, 1945

שפורן

ערגעץ אַ ווינקל פון בראשית אַ שטילער —
וויגט און פאַרוויגט זיך אויף אייגענע וועגן,
בלומען דאָ אָטעמען אַזוי ווי זיי ווילן...
און טרוימען נאָך שטראַלן און נאָך אַ טראָפּעלע רעגן...

קומט אויף דיביימער אין וואַלד ניט קיין דרימל...
מיט אַ זמרל... ווערט מען זיי ניט פאַרוויגן...
זויגן די בלויקייט אַרוים פונעם הימל
און וועבן זי איין אין זייערן אַ ניגון...

*

אַהער אין דעם ווינקל געגרייכט האָט מיין זיידע,
אַז פאַרוויגן און נאָגן זאָל די שטילקייט אונז ביידע!?

*

ס'האַרץ אָנגעזעצט האָב מיט ליבע און מוט
אין אָט אָ דער שטילער הייליקער וויג;
אויסגעחלומט אַ חלום ביי די ברעגן פון פּרוט
און מיטן טייך בין געגאַנגען זוכן מיין גליק...

* * *

זייט יאָרן איך גיי אַלץ אויף וועגן גאָר שווערע,
אַז אַ בענקשאַפט זאָל פרעסן אין מיר אויף די מוטן...

איז וואָס טראָגט מיר דער מאָרגן מיינער אין ווערן?
איך שעם זיך, איך שעם זיך פאַרן אייגענעם שאָטן...

*

אויפן געסל — אַ בוים אָן אַ צווייג, אָן אַ בלעטל —
ס׳שטיבל אין אַ זייט אויף אַ זייט איינגעבראָכן —
אויף דער טיר נאָך אַ סימן — אַ טייל פון אַ צעטל...
ווי עס וואָלט אַ געוויין פאַר מיר אויסגעבראָכן;

פאַר דער חרפה איך שטיי, ווי פאַר אַן אָרון
און בלוטן אַלץ ברענגען דעם האַרצן אַ ציטער,
און עס גייען אַלץ וויזיעס נאָך וויזיעס פון יאָרן —
מיט אַ קינדערשער פרייד און מיט אַ ייִנגלישן ביטער...

אַ פאַרווונדעטע שטייט זי די פאַררויכערטע וואַנט —
ניט איינמאָל אויסגעוויינט ס׳האַרץ דאָ פאַר איר,
איך גלעט זי מיט ליבע און מיט אַ ציטער אין האַנט,
ווי נאָענט און טייער געווען און, איז מיר!

איצט עדות פאַר וועמען... וויל זי דאָ זאָגן?
ווער וויל דען הערן וואָס דאָ איז געשען: —
פון גרוילן איבערגעלעבטע, באַליידונגען, פּלאָגן
פון איר דאָ געהערט, פון איר דאָ געזען!?

* * *

און אַז טיף אין באָדן געשיקט האָט דעם אַקער דער זיידע —
האָבן מיר טריישאַפט און ליבע געשוווירן אים ביידע.

*

חורבה פאַרלאָזטע, בידנע מיין וויגל,
אויף אייביק שנײדסט זיך אַריין אין זכרון: —

אַזוי ווי עס ליגן דאָ צעוואָרפֿן די ציגל
אַזוי ווי עס וואַלגערן זיך דיינע שפּורן,

אַזוי ווי דו שטייסט איצט אַ פֿאַרשעמטע,
(דאָ האָט אַ מאַמע מיט איר קינד איינגעקנעלט,
געקאָסט האָבן טרערן פֿיל אויסגעוויינטע:
„לא תגנב”, „לא תרצח” און „ליבע דער וועלט”.);

אַזוי ווי אַ פֿאַרטריקנטע טרער אויפֿן בלעטל צעפּיצלט
קוקט אַרויס פֿונעם מיסט — דאָ אין דער מיטן
און אַזוי ווי אַ חומש זע איך שבעה דאָ זיצן. —
מ'האָט ביי אים אויבעט קריעה געשניטן...

* * *

ווּ איז די סטעזשקע וואָס פֿירט צו דער מיל?
מיט מיען פֿאַרלייגט פֿון טאַטן און זיידן!
פֿאַרוואַקסן איז שוין אויך די צו דער שיל —
אַן אויסגעטראָטענע מיט יראת־שמים פֿון ביידע.

אַליין, אַליין פֿאַרן ווינט איז פֿאַרבליבן דער בוים,
ווי אַ וועכטער געטרייער די שול דאָ פֿלעג היטן,
איצט ווער וועט אין געהיים אים פֿאַרטרויען אַ טרוים
און אַ דורשטיקן אָטעם פֿאַר זיינע אַקאַציע צוויטן!?

ווּ איז זי, פֿאַר דער נשמה, די היים,
ווּ אַ געלייטערטע אויסגעטראָגן אירע טעג?
פֿון מיסט, פֿון שטיין און פֿון ליים —
איז אַ בערגל פֿאַרבליבן, גיי פֿרייד דיך מיט דעם...

און אותיות פינקלען, ווי פאַרשטויסענע אויגן,
פון אַ פאַרמעט — אַ ספר תורה ניט דערברענטער.
שטיי איך, אינצווייען שטיי איך געבויגן
און קוק זיך אין איר איין אַ פאַרשעמטער;

גליטשט אַ טרער זיך אַריין אינעם מויל —
מיט איר איז געבליבן מיר שטילן אַ וויי...
פוסט איז אין האַרצן, טרוקן און הויל —
זעסט אַ באַדויער זאָל כאָטש קומען פון זיי?...

* * *

פרוווט מען אויפסנייַ מיטן ליכט וועמען שיידן?
איז קומען פון וואַנען וועט ווידער די נאַכט?
איך זע ווי פון קענטלעכע נאָרעס קריכן שוין שדים
און איינער פון זיי אין פנים מיר לאַכט...

די געלע ציינער דערקען איך זייער גוט —
איך געפין זיי אויסגעקריצט אין זכרון,
באַצאָלט האָב ניט איינמאָל מיט שווייסן און בלוט —
כאָטש אין האַרצן זיי זאָלן מיר ניט פאַרפאָרן...

* * *

מיד ווי איך בין און צעבראָכן, ווייטער איך גיי
פאַר מיר און מיט מיר נאָר דער שאָטן, גיי איך מיט אים...
צעיאָגט זיך פלוצים ס'האַרץ און ווי כ'הער: „ש ט י י"
„פ"נ א י ש א ל ה י ם"

*

מיט מצבות פון קברים מיינע פאַרשטאָרבענע אבות —
אויסגעפלאַסטערט די גאַס איז ווו ס'בית המדרש געשטאַנען.
און פאַר דער הייליקער שטילקייט פון מיין בית־הקברות
שלענגלט דער פרוט זיך און לויפט אויך פון דאַנען...

לעווע, 1944

„שטייט אויף"

שטיל, פֿאַרקאָרטשעט אינדרייען
ליגט שלומל אין פֿינצטערן בונקער
אַ חלום פּרישט אָפּ זײַן געמיט און באַנייעט,
אַ חלום פֿון אַ נאָענטן, לייבלעכן אָנקער:

עס שווימט אויף די נאַכט פֿונעם סדר —
לעבן טאַטן אויף דער הסבֿ־בעט זיצט,
אויף זײַנע קשיות אַן ענטפֿער באַקומט ווי כּסדר:
„עבֿדים היינו" און פֿון האַרצן אַ זיפֿץ.

אַן ערד־ציטער, אַ געוויש לויט זייער שטייגער...
וועקן שלומעלען אויף פֿונעם שלאָף,
בליציק פֿאַרלאָזט ער זײַן האַרטן געלעגער
און שרייט אויס: „זיי קומען, שטייט אויף!"

דאָס שיפֿען פֿון שלענג און געפּילדער
אַ געדאַנק אין זײַן מוחל פֿאַרבינדן: —
פּאָר צעשאָסענע טאַטע מאַמע, אַצינדערט
זאָל אַ דײַטשישן טאַנק אונטערצינדן

פון בונקער אַרויס איז דער קליינער
מיט אַ שנאה וואָס פלאַקערט און ברענט;
אין אַ רגע פאַר טאַנקן שטייט איינער
מיט ברענשטאָף צוויי פלעשער אין הענט:

„נאַ, פאַר מיין מאַמען און דיר פאַר מיין טאַטן!"
וואַרפט ער אַ פלאַש נאָך אַ פלאַש דורכאַנאַנד
אין פלאַמען הילן זיך איין די פאַרפאַנצערטע קאַטן
און שלומל שטילט איין די ווּנד מיט זיין האַנט...

טוען מיט אַ פרייד זיינע אויגן אַ ברויז,
בעת דעם אריינגאַנג אין בונקער פאַרהיט ער —
אַ ברענענדיקער פּריץ פונעם טאַנק קריכט אַרויס
יאָמערט און רעוועט ווי דער חזיר פאַר שחיטה.

יאַר 1944

העלער טאָג

אין אָט אַזאַ טאָג קומט דער נעכטן דערמאָנען —
אין הונגער, אין חוזק, יסורים און גרויל;
מיט פּחד געלייגט זיך, מיט מורא אויפגעשטאַנען —
געהאַפּט... און, געוואַרט עס זאָל שוין קומען די קויל.

אַז אַ קוק־טאָן כ׳זאָל אין פאַרשאָלטענעם נעכטן
ציטערט ס׳האַרץ אויף — פון אַ זעאונג געטריבן;
מיט וואָס קען איך זיך העלפן, ווער קען מיר פאַרעכטן?
דער טרויער איז מיינער — מיט אים בין געבליבן!

ווי קען איך מיין האַרץ פאַר עמעצן ווייזן —
יעדע צעל אין אים ציטערט, ווי ביי אַ זקן — אַן אַלטן!
מ׳דאַרף דאָך זיין שטאַרקער פון שטאָל און פון אייזן —
אַזאַ פרייד אויסצוטראָגן און אין זיך אויסבאַהאַלטן!...

*

די בלוטיקע צייטן — צום יושר דער גייער —
האָט דורכגעטראָגן מיט אָפענע ווונדן;
און אַ טרייסט מיר געשיקט דער רויטער אַרמייער —
ער האָט דאָך אויך מיינע, פון ווייטן, געבינדן...

אויף דער שאַרף פון זיין אמת ער האָט אים געטראָגן
און אין אייגענע בלוטן געלייטערט זיין ווערט, אָבער
ווער וואָלט נאָך געאָטעמט אַצינדערט, ווער קען מיר דאָס זאָגן —
ווען עס קריצט זיך אין ווען ניט איין דער אָקטאָבער ? !

מיט צעריסענע לעבנס אין וויכערס, אין רעגנס, אין היצן
ער שפּרייט אויס זיינע וועגן ווידער און ווידער...
טראָגט דורך פלאַמען און רויכן, דורך שטורמישע בליצן
און לעגט אים פאַר אַלע דעם טאָג דאָ אַנידער !

און אָט אַזאַ טאָג קומט אין נעכטן דערמאָנען :
פון הונגער און גרוילן, און טויטן — פאַרזייער ;
איך בין דאָך אַליין פאַר זיי דאָ געשטאַנען —
איז דער טאָג טאַקע דיינער, רויטער אַרמייער !

און איך וועל אין דורות גייען און דערציילן
פון אָט אַ די שווערע אויסגעטראָגענע יאָרן ;
מיר וועלן סיי־ווי די וווּנד ניט פאַרהיילן —
זי בלייבט מיט דיין גבורה פאַרוועבט אין זכרון !

קעשענעוו, 9־טער מאַי 1945

9־טער מאַי

פאַרטרונקען די נאַכט אין איר אייגענעם פינצטער —
ליגט זי צעצויגן ווי אַ נאַקעטער פּגר,
צעקלינגען זיך קלאַנגען פאַר אָפענע פענצטער: —
די שעה פונעם הספּד קלאַפּט אויס דער זייגער;

אין גיהנום — אַ געדודער, געדויש, אַ געפּילדער —
עס וויל נישט מקבר זי זיין דער קטיגור...
וואָיען ווינטן נאָך בייזער און ווילדער
און בעטן אין תהומען איר אויס אַ געלעגער...

ווי נאָר דער לעצטער ריסקל דעם קבר פאַרשיט
און עס באַווישט דעם שוויים אַ האַנט שוין אַ מידע —
ציטערט אויף דאָס האַרץ און אַלץ זיך באַמיט...
אויפנעמען דעם היינט — אַ העלער שוין ווידער...

אין 9־טן מאַי 1945 האָט מען די נאַצישע חיה
דערשטיקט אין איר אייגענער נאָרע.

„יידן, ווו זיי זענען, זאלן זיין?"

ווו אין קרעמאַטאָריעס צו אַש געבראָטן
און ווו אַוועקגערויבט די שיין
בײַ מיליאָנען בלאָנדזענע שאָטנס —
דאָרט יידן טאָרן מער ניט בלייבן,
דאָרט יידן טאָרן מער ניט זיין!

אויף, אָנגעזאַפּטע אין בלוטן, ערדן
ווו עס נעסטן שוואַרצע קראָען און, ווו
מ'שפּיגלט זיך אין שאַרף פון שווערדן: —
קען פאַר יידן דער בוים ניט בליען,

פאַרן פענצטער וועט די טויב ניט פליען,
ניט שוימען וועט פאַר אים דער וויין,
די לופט וועט שטיקן, ווי נעכטן, בריען —
איז יידן, ווו זיי זענען, זאָלן זיין?

ווו פאַר אַלע טויטן אַליין דאָ בין געשטאַנען,
דעם שכנס בייזער בליק איז נאָך אַן עדות
און דער צורר אין זיין שמייכל וויל דערמאָנען —
אינעם נעכטן מיינעם ווי געווען איז:

ווּ אויסגעקנוילטע רויכן פון לעצטע ווייען
לעשן אין אויגן אויס די צאַפּלדיקע שיין
און צעטראָגן איבער הימלען הילכיקע געשרייען —
איז יידן, ווּ זיי זענען, זאָלן זיין?

ווּ גרויס און קליין דאָ ווילן נאָך
צו אַלע גאַז־אויוונס דעם יידן טרייבן
און מיט טרוימען זייערע דיך הילן איין: —
דאָרט יידן טאָרן מער ניט בלייבן,
דאָרט יידן טאָרן מער ניט זיין!

בוקאַרעסט יאָר 1946

דו פרעגסט מיך ניט פארוואס

דו פרעגסט מיך ניט פאַרוואָס
איך זע אויס אַזוי מיד,
נאָר בייזערסט זיך פאַרוואָס
מיט טרויער ברויזט מיין ליד

דו פרעגסט מיך ניט פאַרוואָס
ס'האַרץ מיינס בלוטיקט שווער,
נאָר בייזערסט זיך פאַרוואָס
איך שמייכל דיר ניט מער.

דו פרעגסט מיך ניט פאַרוואָס
מיר פרעמד איז דער אויבן־אָן,
נאָר בייזערסט זיך פאַרוואָס
כ'שטעל זיך ניט אין קאָן...

*

ווילסטו וויסן דען
די ווערט פון מיין פאַרלויר ?
צי זעסטו פון ערגעצוו:
זאָל קומען אַ באַדויער ?

ווילסטו וויסן דען
ווי טיף דערגרייכט דער שניט?!
און צי וויל מען מיך אַפילו
ליידן אין זייער מיט?...

ווילסטו וויסן דען
פון אָט אַזאַ פאַרוואָס
איך גלי אין האַרצן אַליך
אַ דויעריקן פאַרדראָס!?

און זע דאָס לעבן שיין
אַפילו, ווען ס'איז מיאוס,
און פּרוּוו זיך שטעלן שוין
אויף מיינע מידע פיס.

*

ווילסט אַ פריילעכס הערן
אין מיינע נייע לידער
אויף קברים אַפילו
קרובים, שוועסטער, ברידער!?

ווילסט מיך טאַנצן זען
אויפן אייגענעם בייזוויינדער,
און טאַפּטשן די קברים מיינע
טאַטע מאַמע און קינדער?

ווילסט מיך לאַכן הערן
אַ הויך געלעכטער
אויפן לעצטן אָטעם
פון צניעותדיקע טעכטער!?

*

איך וועל מיין לעבן ערשט
דעמלט זיין מחדש,
ווען אויסוויינען וועל
ביזן סוף מיין קדיש...

אפשר גרייכן וועט אַ שטראַל,
אויך צו געמיינעם, מיאוסן...
אַז אין הרי חושך גאָר
באַהאַלט זיך אוים דער וועלטס געוויסן...

בוקאַרעסט 1947

נעכטן ערשט

נעכטן ערשט, ווען אין צער און צאָרן
אין פעלד פאַר קברים בין געשטאַנען,
ביסטו אויף אַ פרעמדער חתונה פאַרפאָרן —
כדי אין פאַרלויר זיך ניט דערמאָנען;

און בעת מיט אַ ציטער קריע האָב געשניטן
און געזעסן שבעה דאָ פאַר לייטן...
האָסטו געמאָנט, ווי אַ הויפּט מחותן,
כ׳זאָל מיין קדיש אויף אַ פריילעך ליד פאַרבייטן;

און ריין געוועז דיין אויג פון טרערן,
און העל, און לויטער פון אַ טרויער,
און אויב מ׳וועט דאַרפן וועסטו געהערן
רכילות טראָגן און פחד פאַר מיין טויער...

און אַליין ביזן טאָג די געטער לויבן,
און זינגען, טאַנצן ביז אין שווייסן
אויף קברים שוועסטער, ברידער, קרובים —
אויב מע וועט אַזוי דיר הייסן...

. . . .

היינט קומסטו מיר אַן עצה געבן...
און הכנעהדיק בעטסט מיך ווידער: —
כ׳זאָל אַ דין שקרל אריינגוועבן
אין געזאַנג פון מיינע לידער...

אים האַלטן דאָ, איז סאַראַ אַ זין?
מיט זיין בענקשאַפט אין יעדער צעל
זאָל ער גייען אַהין... אַהין
ווי עס וואַרט זיין קליינע שוועל...

*

פאַר דער נשמה ריינער פון מיין אומה,
וואָס איז מיר חשוב, ליב און טייער —
טראָגט מיין האַרץ קיין טראָפן אימה
און וויל איר זינגען לידער נייע!

יאָר 1949

וויג־ליד

יובלן.

ס'קומט מיין קינד, די שטילע שעה
רו, דער זייגער איז שוין אַכט.
מאַך די אייגעלעך דיינע צו,
שלאָף געזינד אויס די נאַכט!

רואיק שלאָף איין קינד, דאָ
שטייט די מאַמע נעבן, ווייס,
זי היט דיך מיט איר אָטעם אָפּ
פון אַלעם שלעכטס, פון אַלעם בייז.

שפּעטער וועט זי דיר דערציילן
ווי אויסגעזען האָט דער אַמאָל,
און ווי בלוטן האָבן זיך געגאָסן
אין דעם „מענטשלעכן" אַרום...

נעמען — רחל, יוסף, שולמית
אין זכרון באַהאַלט, געדענק
איין זאַך מאָנען זיי ביי דיר:
ניט מוחל זיין און ניט שענק!...

זאָל הייליק זיין דיין מאַמעס זאָג —
ער איז מיין בת־יחידישער,
אין האַרצן טראָג אים יעדן טאָג —
ס'איז דאָס מענטשלעכע, דאָס יידישע!

פאַרטראַכט זיך קינד אין אַלע ווייטן,
פאַרקוק זיך טיף מיט קלאָרע אויגן —
פאַר יעדער טאמה אין אַלע צייטן
געשטאַנען איז דיין פאָלק געבויגן;

וועסטו אַוודאי פרעגן — וואָס און ווער,
האָבן געגעבן כוח און מוט?
אַז נאָך יעדן טראָט — טייכן טרערן,
אַז פאַר יעדן אָטעם — ימען בלוט

און, אַז טרערן האָבן ניט קיין ווערט —
מ'גלויבט שוין ניט אַזוינע טראָפּן...
און פאַרן בלוט, וואָס גיסט דער ערד
דאַרפסטו נאָך על חטא זיך קלאָפּן...

אין אָט די שווערע, גרויע טעג —
האָט נאָר דער ווײ־געשריי געהיילט,
דערפאַר פאַרלוירן אויף דעם וועג
האָט דיין פאָלק אַ גרויסע טייל.

געדענק, געדענק נאָך אַ שורה:
ליב דיין היים אין אַלע צייטן
און קיינמאָל זאָלסטו איר שיינע צורה
אויף קיין אַנדערע ניט פאַרבייטן!

*

ס'גייט מיין קינד, אַ גרויסע שעה
פאַר דיין הויכן, ווייטן פלי!
מאַך די אייגעלעך דיינע צו
און שלאָף געזינד ביז אינדערפרי!

וואס קען מען טאן

ווי איז דעם וואָס לידער זינגט אַזוינע: —
אָנגעזאַפּטע אין אומעט, טרויער, טרערן!
נאָך ווייער איז אים זינגען פאַר אַ זונה,
וואָס טראָגט אין שמייכל אַ יאָך אַ שווערן
און דורך גוואַלד פאַרכאַפּט דעם אויבן־אָן...
וואָס קען מען טאָן, וואָס קען מען טאָן?

ווען די שאַרף שניידט ס'ליכט אוים פאַר די אויגן
און אויפן מוח קאָפּען געמיינע, וואַלוועלע ליגן,
בעת דו שטייסט מיט הענט געבינדן, איינגעבויגן —
מוז אין מויל די צונג אַ געלייזטע ליגן,
נאָר חנפענען און לויבן דעם אויבן־אָן...
אין אַזאַ מין גיהנום וואָס קען מען טאָן?
וואָס קען מען טאָן?

שוין ווידער

שוין ווידער

אין העלן טאָג לעשט אַ האַנט ס'ליכט אויס ביי מיליאָנען
און דאָס געוויסן ווי געליגן איז באַהאַלטן ?
אַ געליימטע איז אַ וועלט, ניט־דירעוודיק געשטאַנען,
מיט אַ שמייכל אויף די ליפּן און מיט אַ בליק אַ קאַלטן,

פאַר טייכן בלוט פון אַ פאָלק פאַרגאָסן און אַליין
אויף אַ רגע פּרוּווט אַפילו זיך ניט מינען ;
פאַר וויי־געשרייען אָפּגעשלאָסן אַלע טויערן שטייען —
אַז אין אייגן בלוט זאָל מען זיך פאַרבלינען.

* * *

שוין, שוין פאַרגעסן ווי זי הייסט די האַנט ?
אַ געניטע אין אַבאַזשורן מאַכן פון אייערע ברידערס הויטן,
גרייט זיך אויפסניי אייך שטעלן מיטן פּנים צו דער וואַנט
און אונטערטראָגן פון אירע ניי־צוגעטראַכטע טויטן.

פאַרבלענדטע פון גאָלדן־גלאַנץ מיט הערצער אויף די נעזער
אויפן בלאָנדן קין בייט איר אויס די היים, אַזוי נידערן :
אַז ער איז שוין געוואָרן גאָר אייער טרוימיקער אויסלייזער ! ?
אַ מסחרל ? וואָס און וועמען פאַרקויפן ווילט איר אים שוין
ווידער ?

וויאַזוי קומט אַזאַ געדאַנק גאָר אויפן זינען?!
וויאַזוי אָן אַ ציטער אין דעם גיהנום עפענען אַ טיר?!
דאָרט בלויז די האַנט מיטן חלף, קענט איר נאָר געפינען,
אויפן האַלדז ביי מיליאָנען פאַרשניטענע פון איר.

טראָגן וועט זי אונדזער קללה אין אַלע צייטן —
ווי דער שאָטן, וועט זי פון איר זיך ניט אָפּטיילן
און, ווי זי זאָל אירע הויטן וואָלפישע ניט בייטן —
וועט זי וווּנדן אין האַרצן קיינמאָל ניט פאַרהיילן;

אַ האַנט, וואָס פאַרגאָסן בלוט אַ דריטל פון אייער אומה —
אין כל הדורות פאַרשאָלטן וועט זי בלייבן,
וואָס־זשע קריכט איר צו דער געמיינער טמאה?
זאָל האָבן וועמען אין בוינע, צו דער שחיטה, טרייבן?

און אַרום טישן זיצן מיט פלייסיקע עס־עס־ן
שמייכלען וועלן אייך אין פּנים אָט אָ די פאַרוועטערס...
אָבער געדענקען וועט ס'פאָלק און קיינמאָל ניט פאַרגעסן —
זיינע הענקערס און אייגענע פאַררעטער!

ס׳איז מיר גוט

אַז ס׳איז מיר גוט און ווויל —
אַ מנהג זאָגט מען איז דאָ אַזאַ:
האַלטן שטרענג די צונג אין מויל,
שטיל, בנעימותדיק און שאַ...

מ׳האָט אין זין דיר אַריינזאָגן:
ס׳האַרץ פאַר קיינעם ניט צעלייגן,
איינגעשפּאַנט ביסטו אין וואָגן —
שלעפּן דאַרפסטו און ניט פרעגן...

אַז מ׳זאָגט דיר גוט, גיב אַ לויב
אַ מנהג איז שוין דאָ אַזאַ:
שטילער זיין פון אַ טויב,
דאַרפסט נאָר קענען זאָגן „שאַ";

אַז איינער ביסט אין וועלט אַ פרייער,
אָטעמסט אין אַ העלער שעה,
אַ בירגער ביסטו גאָר אַ נייער —
צו דיר קיין גלייכן איז ניטאָ

און די וועלט איז דיך מקנא —
טשירעט מיט די ציין פאַר כעס:
ווי דו שטייסט מיט דיין מאַדאָנע
אין גן־עדן ביים עץ הדעת...

יעדן טאָג דיר פרווט מען זאָגן:
זען דאָס ווייסע אין שוואַרצן גאַר,
אַז גיך וועסטו פאַרגייען אין טראָגן
מיט אַ צווילינג נאָך הייאָר,

און אין מילך וועסט זיך באָדן
יעדע שעה אין טאָג, אין נאַכט
און פעסער האָניק וועסטו לאָדן
צו דיין טויער און טיר אַ סך...

ווערט דאָך גוט, לייכט און וויל
וואַרטן אויף אַ גוטן מאָרגן,
פעלט דער ביסן אוים דעם מויל? —
זאָל דער מאָגן זיך שוין זאָרגן...

אַ מנהג איז שוין דאָ אַזאַ:
מ׳זאָגט דיר גוט, דאַרף זיין וויל...
און אַז ס׳וויל דער מאָגן ניט זאָגן „שאַ"
ווי ס׳זאָגט אין שטיל דאָס מויל?!

און אַמאָל פאַרגעסט זיך, ווילסט אַ לעב־טאָן
נאָך עפּעס טרוימען, נאָך עפּעס בענקען...
קנייפּן אין בויך דער מאָגן הויבט אָן
און אין טרויער דיך פאַרטרענקען

גרימט און וואַרטשעט, בייז אין כעס —
אים געפעלט ניט אַ דאָס מין...
ער גיט אַוועק דעם עץ־הדעת
פאַר אַ פּולקע פון אַ הון;

מיט ווערטער וויל ער זיך ניט זעטן
ווי זיי זאָלן שיין ניט זיין און זיס,
קיצבה — זאָגט ער — וועט ניט בעטן
און דיך וואַרפן פון די פיס.

געפעלט איך עפּעס דער כאַפּ־לאַפּ?
אין פרייהייט, פילט ער ניט קיין טעם,
ער וויל זיי ביידע זען אין טאָפּ
נעבן אַ זייטל פון אַ לאַם.

ביז ווען דעם תכשיט אַלץ באַדינען,
אים פאַרלויפן אַלע וועגן?
מ׳קען דאָך פּשוט אַראָפּ פון זינען —
טראַכטן נאָר פאַר זיינעט־וועגן

„אַז איך זאָל זיך נאָר צעוויגן
— רעדט די צונג מיר אויס דאָס האַרץ —
אין אַ פאַרוואָרפן ווינקל וועסטו ליגן
און פאַר אויגן וועט דיר ווערן שוואַרץ“...

ערקלערונג — איז דער סאַמער עיקר —
און פאַר אויגן זאָל אַ שטעקן שטייען...
ווען צוויי זאָגן שיכור, שיכור —
מוז דער דריטער שלאָפן גייען.

*

ס'איז מיר גוט, ס'איז מיר ווויל
ס'גליק אויף אייביק מיך פאַרוויגט...
און וואָס קען טאָן אַ בידנע מויל,
ווען די צונג אין קימפעט ליגט ?!...

איך זע אייך...

כ'זע, ווי ער דרייט מיט אַן אומרייִנער נאָז
דער מפונק און דערצו נאָך אַ חכם אַ ייִד,
פרעג אים, ווייסט ער נעבעך אַליין ניט פאַרוואָס...
אים געפעלט ניט דער אָטעם און ס'פינטעלע אין ליד...

אַ צווייטן עם האַרץ כ'זע ווי עס גרימט, קרימט ער זיך שטיל,
דערפאַר שרייט איינער מיט שוים אַרום מויל: „געוואַלד
ער גרילצט, ווי אין האַרבסט אויפן אויוועץ די גריל,
שוין גלייכער זאָל האַקן די ביימער אין וואַלד".

אַ טייל, שוין אַ גרויסע, מיט קעלבערנע אויגן אָן בושה
לאַכט אָפּ פון דערהויבונג, שפּעט אָפּ פונעם שיינעם,
נאָכן בעל תפילה אין טאַקט שפּרונקט מען נאָך די קדושה...
פרעמד פון יצירה — זינקען זיי טיף אין געמיינעם.

נאָר הערצער פאַרגעסענע, אין צייטן אויסגעווייִנטע,
אָטעמען מיט דער שיינקייט אַ טרוים איין גערן;
דאָס וואָרט ניט דערזאָגטע, צווישן שורות געמיינטע —
טראָגט אַ פונק פאַרן שטורעם און אַ ווילן אין ווערן!...

גלייכער וואלט געווען

גלייכער וואָלט געווען כ'זאָל דיך גאָר ניט זען,
ווי קען מען דען פֿאַרדייען אַ ווילדן, פּוסטן קלאַנג ?
כ'וואָלט אוודאי דיך גערן זען זינקען שוין אין חרם,
איידער שיפֿען זאָל דיך הערן, ווי אַן אַכזריותדיקע שלאַנג...

ווען עמוס האָט די וועלט פֿאַר גערעכטיקייט געשטעלט
און צעאַקערט טיף ס'פֿעלד, אַז קערנדלעך ליבע זאָל פֿאַרזייען :
איז דיין זיידע אויפֿן בוים געזעסן און ווערים דאָרט געפּרעסן
מיט טעמפּע אויגן זיך פֿאַרגעסן, צומאָל אַרויסגעלאָזט געשרייען..

ערשט אַראָפּ אויף דער ערד, אַנשטאָט באַוואַשן זאָלסט די בערד,
כאַפּסטו ווילד זיך צו דער שווערד — פּונעם זיידן נאָך אַ זכר...
אויב עס פֿעלן מאַלפּעס צווייגן אַנדערש ווילן זיי ניט שווייגן —
דאַרף מען לייגן זיי אין שטייגן, אַז ווערן זאָלן ווייכער...

בלויזע שקרים אין דיין געשריי, דיך אַ נאַקעטן איך זע,
ווי אויפֿן צווייג דעם שימפּאַנזע שפּרינגען אויף אַלע פֿיר ;
אַזוי פּרווּסטו זיך פֿאַרוויגן — אַ פֿאַרשיכורטער אין ליגן,
אין דער בלאָטע ווילסטו ליגן, אַז שפּייען זאָל אויף דיר !

אין הימל רוען מיינע תפילות, אין האַרץ אַ יונגע פרייד,
אַ שטילע איז
גיי איך מיט מיינע וואונדער אין מגילות, ניט דעם ערשטן
רשע לעב איך איבער
איז ניט גלייכער וואָלט געווען איך זאָל דיך גאָר ניט זען
מיט דיינע ווילדע שאַרפע ציין אין דיין בראַנדנדיקן פיבער ! ?

איר האט ביי מיר א גוטע וועלט

אויב איר ווילט דער שורה גלויבן — גלויבט,
אויב זי רופט אַרויס דערהויבונג — לויבט
און אויב זי בריט און שטעכט אַפילו — שעלט
איר האָט ביי מיר אַ גוטע וועלט.

אויב איר ווילט אין איר אַ טראַכט־טאָן — טראַכט
און מיט איר אַ בענק, אַ שמאַכט־טאָן — שמאַכט
און אויב עס לאָזט זיך נחת שעפּן — קוועלט
איר האָט ביי מיר אַ גוטע וועלט.

אויב איר ווילט די גראַמען קעמען — קעמט,
ווילט איר אַ שמייכל אויף ליפּן נעמען — נעמט
און ווער מיינט זי אין מזרח שטעלן — שטעלט
איר האָט ביי מיר אַ גוטע וועלט.

אויב וועמען האָט איר פאַל געטראָפן — שרייט,
איז די גיפט אַוודאי שוין פאַרלאָפן — שפּייט,
איז ניט אומזיסט וועט איר זיך שעלטן — שעלט
איר האָט ביי מיר אַ גוטע וועלט.

מלחמה ווילט איר

מיט אַ פֿאַרעקשנטן ווילן
מיינט איר דעם שטורעם נאָך שטילן?

ווי האָט איר אַ כּוח אַקעגן צושטעלן
פֿויסטן וואָס רייסן ביי ערד די געדערעם?

ווי איר זאָלט דעם שטראָם פֿאַרהאַלטן ניט ווען
דער מאָרגן ניט אייך,
נאָר אונדז,
וועט מוזן געהערן!

אויב פֿאַרהאַלטן איר מיינט
דעם ברוויז דורך אייזערנע פּלויטן
און אין זיין וויגל דערשטיקן:
איז פֿאַר אייערע גראָב־אויסגעפּרעסנע הויטן
מיט פֿעך און מיט שוועבל געלאָדן שוין בליקן
און הערצער מיט זידיקע כּעסן
(זאָלט איר דאָס ווויסן, געדענקען)
וועלן צעשמעלצן פֿון טויערן די שלעסער

און אייערע גייציקע אויגן
מיט האַסן
פ אַ ר ט ר ע נ ק ע ן !

ג ע נ ו ג !
הונדערטער יאָרן אין חשכות געגליט אַ טרוים!
פאַר אונדז
אויף טויזנטער ריגלען פאַרחתמעט האָט איר די
שטראַלן
צעברויזטע פון אונדזערע בלוטן, מיען און שווייסן
באַם גראָבן דעם באָדן מיט נעזער פאַרגעלטע
פאַר בלייענע גראָשנס זעלטן געציילטע
אייערע גאָלד־גראָבנס האָבן ניט אויפגעהערט נאָגן
מיר האָבן געקלעטערט, געקראָכן, געפאַלן
און איר האָט געשלאָגן בכוונה
אַזוי זיינען מיר ווייטער און ווייטער געקראָכן
און ג ע ז ו כ ט...
געזוכט, און די וואָר פון אַ חלום
ג ע פ י נ ע ן
מיט וועמען
אייערע שלעסער
מיר האָבן געבראָכן.

האָט דערגרייכט שוין דער הילך
צו אייער קויטיקן זינען?
איצט ווען דער גלאַנץ פון איבערגעפוילטן
אויף אַ דריטל זיך וואַלגערט אין שטויב
טראָגט איר אין פאַרביינערטע הערצער אַ שנאה
און אַ גלויב...

און מיט שווימיקע ליפּן איר שפּריצט און איר
ש ע ל ט

ווי שאַקאַלן אין נאַכט אַריינשאַלן:
„אַ רויטע שרפה פאַרכאַפּט האָט אַ וועלט"
קיינמאָל און גאָרניט קען אונדז ניט הארן,
וואָס עמעצן פיבערן „רויטע קאַשמאַרן"

. . . .

ז י כ ע ר און ד ר י י ס ט
שפּאַנט דער ריוו־פראָלעטאַר
ער גייט צו זיין ליכט, צו זיין טרוימיקער פריי
אים האַרט ניט אייער פיבער —
איז נעכטן דערפאַר
געהאַלדזט האָט אים נאַנקינג און היינט האָט שאַנכיי
אונטער אַ הייליקן טאָן
(וואָס קענט איר דען טאָן?)
ווען מאָרגן צעוויקלען
וועט אויך אין קאַנטאָן
אונדזערע אַלעמענס לייבלעכע פאָן!
יאָ!
פאַר וועמען אַ שרפה,
רויטע קאַשמאַרן
און פאַר וועמען אַ לעבן,
אַ ה ע ל ע ר ס
אויסוועבן
להכעיס אייך וויל ער!
ווען שוויסן מיר ווילן מער אייך ניט געבן
און איר זעט ווי די שיסל ווערט ביי אונדז פולער
פון צייטיקע זאַפטיקע פירות
הויבן קאַנוולסיש

אייערע מײלער־אָן שוימען
באַשמוצן, באַפלעקן אונדזערע
הייליקע טרוימען
און ווילד
ווי דער הונט אויף לבנה וואָיעט און בילט:
„לעשן די פלאַמען, די וועלט זיי פאַרהילן".

אָ ב ע ר ו ו י?
אַ „ס נ ה" — איז די מי
ווי קענט איר דאָס לעשן און אַפילו אָפּקילן...

מיט אַ פאַרעקשנטן ווילן
מיינט איר דעם שטורעם נאָך שטילן?

ווי האָט איר אַ כוח אַקעגן צושטעלן
פויסטן וואָס רייסן ביי ערד די געדערעם?

ווי איר זאָלט דעם שטראָם פאַרהאַלטן ניט וועלן
דער מאָרגן ניט אייך,
נאָר אונדז
וועט מוזן געהערן!

אויב פאַרהאַלטן איר מיינט
דעם ב ר ו י ז דורך אייזערנע פלויטן
און אין זיין וויגל דערשטיקן:
איז פאַר אייערע גראָב־אויסגעפרעסענע הויטן
מיט פעך און מיט שוועבל געלאָדן שוין בליקן
און הערצער מיט זידיקע כעסן
(זאָלט איר דאָס וויסן, געדענקען)

װעלן שמעלצן פֿון טױערן די שלעסער
און אײערע גײציקע אױגן
מיט ה אַ ס ן
פּ אַ ר ט ר ע נ ק ע ן !
. . . .
א מ ת
אונטער אײערע אַרטריטישע פֿיס
דער באָדן שױן ברענט
װען אײערע אױערן כאַפּן אױף קלאַנגען
טראָגנדיק פֿרײהײטס געזאַנגען
צעקנױלטע פֿון סערפּן,
פֿון האַמערס,
פֿון הענט :
דעמלט צעטרעסלט דער פֿיבער אײך
שטאַרקער
און צעטומלטע לױפֿט איר
װי מײז פֿון אַ שׂרפֿה
אַ גריזעכטס איר זוכט אין אײער לױפֿן...

דער קנעכט װיל זײן מי
שױן מער ניט פֿאַרקױפֿן
איך פֿאַרשטײ...
און איך זע
אײער געלױף
מיט נשמה׳קעלעך קלײנע,
שמוציקע,
ט ר י פֿ ה

איר לויפט...
איר לויפט פון די פלאַמען,
וואָס טראָגן אין זיך האַסן!?
מיט ציינער קען מען די פלאַמען ניט בייסן?!
„עס ברענט" שרייט איר אויף גרויסע פלאַקאַטן,
כדי טיפער און ברייטער אָדערן רייסן: —
צעפּויקט איר אין וועלט פאַלשע דעפּעשן,
בעת פורעמט אוים באָמבעס, אַוויאָנען, אַרמאַטן

ב ל ו ט
בלוט דאַרפט איר די פלאַמען צום לעשן.

מיר פילן אייך גוט
און אין לעבן וועלן קיינמאָל פאַרגעסן:
אין ברויט, וואָס האָבן פון הענט אייערע „גוטע" געגעסן

ג ע ל י ט ן
און פאַרטרונקען מיט אייגענע בלוטן.
אין כלערליי נויטן איר האָט אונדז געבאָדן
און הערצער מיט שנאה האָט איר געלאָדן
אין וועלכע די שנאה געוואַקסן איז גרעסער?
איצט שאַרפט איר די שווערדן שוין ווידער
פאַר וועמען?
מיר ווייסן...
מיר ווייסן וואָס אַמאָל בעסער:
אייערע הערצער,
וואָס טויטן דעם מענטשן ווילן נאָר טראָגן
וועט טיפער און שאַרפער שניידן די שאַרף פונעם מעסער...

ריזיקע כוחות זיך שטורמיש צעוויקלען,
כוחות פון שאַכט, פאַבריק און פון פעלד
אויב איר ווילט ניט און קענט ניט פאַרשטייען
און דווקא נאָך פרוון די וועגן אָפשפּאַרן
פאַר כוחות וואָס דאַרפן
און וועלן
אויף זיי גייען: —
לאָך איך זיך פשוט אַריין אין אייער וועלט,
אַ וועלט אָן אַ זון, איבערפוילט און צעפרעסן
וווּ הפקר, עלנט און אין חוזק דער מענטש איז,
וווּ שווינדל און גנבה זיך צופיל פאַרזעסן
ביי טישן און פראַווען בשותפות מיט זנות
אַזאַ וועלט
וואָלט מען באַדאַרפט שוין פאַרגעסן,
אַזאַ וועלט
אונטערגייען לאַנג שוין כדאי איז

אויב אייערע פיס וואָס מעסטן קיינמאָל ניט די גאַסן
האָבן דעם ערד־ציטער אויבעט דערפילט
איז ווייסט:
דער ציטער קומט פון מיליאָנען פאַרדראָסן
בעת רייסן אַ קייט —
נאָך אַ קייט
אין וועלכע ענגער געהאַלטן
מען האָט זיי געשלאָסן
לויט אייער באַפעל,
לויט אייער טייוולאָנישער שפּיל
האָט איר מיט שטויביקער ערד
אונדזערע הערצער געמישט

און וויינען,
וויינען אַפילו פאַרוועדט

איצט קלינגען די לעצטע מינוטן
פון אייער צוועלפטער שעה
מער וועט איר ניט ברעקלען
און דרויבלען די רו,
בעת שלום אין האַרץ פון דער וועלט איז פאַרזייעט
ש ל ו ם!
דונערט הילכיק דאָס וואָרט פון מיין טאָג
און קולות מיליאָנען
אָן אויפהער
זיך גיסן אַריין אין דעם זאָג:
אין אייגענע בלוטן איר וועט זיך פאַרכלינען
פאַר אייערע הינטישע הערצער
אַ מיטל
מיר האָבן געפינען...

איך זע ווי דער שטערן
אויף אייער הימל
האַלט אין פאַרגייען

ס'קען אַנדערש ניט זיין...
אייער שקיעה איז אונדזער באַגינען
ס'איז שוין קיין סוד ניט
פאַר קיינעם:

אינאיינעם
מיר קענען
און ווילן
דאָס לעבן
ניט שפּינען!

מאַי, יאָר 1949

חן זוכן

חנוכה...

שטיבלעך האָרבאַטע, צעוואַלעטע, קרומע
מיט בייכיקע ווענטלעך, צעשויבערטע דעכער,
שטייען עלנטע, שווייגן ווי שטומע
און ציילן איינס ביים צווייטן די לעכער.

צעקראַכענע פענצטער, אָפּגעריבענע שוועלן
און שויבן אויסגעהאַקטע צו דער ערלעכקייט פירן,
פאַר רעגנס און ווינטן — דעם אָטעם פאַרשטעלן —
לייגט מען אַ לאַטע אויף פאַרלאַטעטע טירן.

קינדערשע קולוכלעך — רעשיקע, וויינענדיקע
הילכן זיך אָפּ צווישן פאַרשימלטע ווענט;
חלומען ייִנגלעך, און מיידלעך אימהדיקע
טראָגן בטחון אין אויסגעמאָגערטע הענט.

* * *

אין מיט אָט דער אומרעכט — אַ הויז דאָ אַליין
באַלעבאַטעוועט און גאווה'ש אַלץ פּראַוועט,
ס'וויל ניט און קען ניט די אָרעמקייט זען —
וואָס האַלט אין דער ענגשאַפט פאַרקאָוועט.

אין אָט אָ די שטאָלצע, הויך־שטאָקיקע מויערן
צווישן פּליושן, קריסטאַלן און טעפּעכער שיינע
הינטער שלעסער אויף אייזערנע טירן און טויערן
פּויזן נשמה׳קעלעך קליינע, טריפה און געמיינע.

א.

מיט טירן און פּענצטער פֿאַרהאַקטע, אַזוי
שטייט די מויער שוין יאָרן פֿון זינט —
ס׳טראָגט זיך מיט בענקשאַפֿט אַרומעט אָ פֿרוי:
נאָך אַ קוויטש, נאָך אַ לאַך פֿון אַ קינד.

מיט געבעט, מיט געוויין קומט אַלץ די פֿרוי
צו צדיקים אויף זייערע הייליקע... שוועלן.
קריסטאַלן, בריליאַנטן איר זעען אוים גרוי —
זי שמאַכט נאָך אַ טאָג שוין אַ העלן...

* * *

לויט אַ מינהג, וואָס גייט ניט אין דורות פֿאַרלוירן:
מיט רעכט איז דער מאַן תמיד פֿריי
(אויב נאָך יאָרן ס׳ווייב האָט אַ קינד ניט געבוירן)
איר געבן אַ גט אָן אַ תנאי.

ב.

לויפֿט נאָך אַ מצווה, פֿרום איז, ווי גאָט האָט געבאָטן...
אַמאָל גיט אַ נדבה און אין מקווה גייט שוין פֿון זינט...
האָבן דערפֿאַר טאַקע אין האַרצן פֿאַרדראָסן געזאָטן —
פֿאַרוואָס זאָל זיך אין טראַכט ניט פֿאַרבינדן אַ קינד!?

איז זי אַמאָל אין דער שטאָטישער באָד איינע געזעסן
מיט אירע מחשבות און מיט אַ נשמה אַ צעדרויבלטער...
אַ דינסט, זי האָט אויך אין איר גאָט ניט פאַרגעסן,
איילט זיך אין מקווה — זיין זאָל זי אויך אַ געטובלטע

— „הער נאָר ווייבל, טו מיר צוליב איך בעט דיך!
(אפשר אין איר זכות וועל אויפגערעכט ווערן?)
„קום אין ביטל צו מיר, קודם באַוואַש זיך.
פרוווט די גבירטע דאָס אָרעמע ווייבל באַשווערן:

— „שעם זיך ניט נאַרעלע, וואַש אָפּ דעם שוויים!
„איינאיינעם אין מקווה מיט דיר וויל איך גיין
„איך וואָלט זיך משדך געווען מיט דיר, ווייס!
„נו, קום שוין! ניטאָ קיינער מ'זאָל אונז דאָ זען.

„אויב מיר'ן בוירן אַ יונגל און אַ מיידל, ווי ס'איז תמוז
„אויף דער וועלט, איז עס דאָך אַ זיווג מן השמים —
„אונטער דער חופּה די קינדער און מיר גליקלעכע מאַמעס
„מיט נחת און פרייד אונזערע הערצער באַנייען!"

ג.

נאָך ניין חדשים ווערט די פּרוי אויפגעבינדן
און אַ קינדעריש קול ווערט אין וויגל פאַרוויגט
האָבן זיך שוין פאַר טרויעריקע אויגן ליכטן צעצינדן
און אין האַרצן האָט די ליבע צום לעבן — באַזיגט...

* * *

דאָס מיידעלע וואַקסט, פויזעט אַרום אין גרויסע סאַלאָנען;
חשוב און ליבער ווערט דער מאַמען די הוים...

אַ קוויטש און ס'קינדעריש הנדל ווי אָפּט זי דערמאָנען
אין יאָרן, ווען געבענקט און געשמאַכט האָט נאָך דעם.

מ'לאָזט אויפן קינד זאָל אַ ווינטל ניט ווייען,
מ'באָד עס אין מילך, מ'שטאָפּט אין דערין ביזן ברעכן
און אַז ס'מייגעלע קען ניט אַזויפיל מאכלים פאַרדייען —
איז אַ גוט־אויג, דאַרף מען תיכּף אָפּשפּרעכן.

— „ווייִ, פינעט די פרוי, מ'קען ביי די דינסטן ניט פועלן,
„פון זיי איבערטראָגן דאַרף מען זיין שטאַרקער פון אייזן,
„צום וויפלטן מאָל מ'האָט די געמיינע באַפוילן —
יאָלן דאָס קינד פאַר קבצנים ניט ווייזן!?"

ווי פריי עס ווייעט אין שטיבל האָרבאָטע דער ווינט
און קינדער זוכן אַ לעפל געקעכץ אינעם טאָפּ.
ביים מאַשין, מיט דער נאָדל דאָס אָרעמע קינד
פלעכט ביטערע יאָרן אַריין זיך אין צאָפּ.

ד.

ווי נאָר די בת יחידה האָט אָנגעהויבן בענקען...
איז דאַרף מען אַ חתן, איר ברענגט מען אַ גאונס אַ זון —
ער זאָל זיין ליבע פון האַרצן איר שענקען...
לויפט מען אין שטעטל דעם חתן אין פנים אַ קוק טאָן.

* * *

פראַוועט ר' נאָטע גביר אַ חתונה אָפּ
זעלטן אַזאַ ערגעץ ווו מ'באַגעגנט
אַזוי ווי עס פּאַסט פאַרן לייבציגער גאון
און ווי פאַרן ערשטן מאַגנאַט אין דער געגנט.

ה.

על התורה ועל עבודה זיצט חנניא — דער איידעם
און שלייפט אוים אַ געדאנק פאַרן פלי...
מיט זיין באַשערטער דרייט זיך אַרום אין גן עדן —
וואָס פאַרטראַכט אויפדערנאַכט — ווערט געבוירן אינדערפרי...

געפינען אַן ענטפער, איז אין ווערן ביי אים אַ כוונה —
אויף אַלע פאַרוואָסן, וואָס גראָבן זיך איין אין זיין מורעם...
פלוצים איז ר׳ נאָטע אין חנניא׳ס אויסגעלייטערטן פנים
מיט צוויי אויגן, ווי גיפטיקע שפיזן פאַרפאָרן:

— „ווען ביי גאָט און ביי לייט דיין חן וועסט געפינען —
„דעמאָלט אויך מיר וועסטו ווערן אי חשוב, אי ליב".
אין אַ ביטערן כעס האָט זיין שווער זיך פאַרכלינעט
און באַפוילן אים תיכף פאַרלאָזן די שטוב.

. . . .

ו.

פאַרשעמט און באַליידיקט מיט טלית און תפילין אויף פלייצע
און מיט אַן אויסגעהוילט האַרץ איז חנניא אַוועק
צו חכמים, מלאכים פרעגן ביי זיי זאָל אַן עצה...
אַזוי פאַרטראַכט ער צום חן זיינעם זוכן אַ וועג.

ז.

מיט אַ „ווער ביסטו" דער רב פון מאַגור אים באַגעגנט.
— „זעץ זיך צום טיש! פאַרוואָס זעסטו אוים אַזוי געל?

וואוהין, האַלסטו דיין וועג אין דער געגנט?
„אויב פאַר מיר איז קיין סוד ניט, דערציייל!"

— „מיין טאַטע זכרונו לברכה, ר' מאירל דער גאון,
„רב הכולל אין לייבציג פאַר צייטן געווען,
„און, אַליין אַ פאַרטריבענער גיי דאָ אַרום
„זוכן ביי גאָט און ביי לייט זאָל מיין חן".

— „ווי דו, אַ בעוולטער בין. וויל איך דעריבער
דיך בעטן, זאָלסט אין דיין ווייטער נסיעה
שענקען אַ רגע און אויפזוכן די סיבה:
צי יונג נאָך כ'זאָל פאַרלירן די ראיה!?"

ח.

טראָגט ער ווייטער חנניא זיין ביטערן גורל,
גייט ער אויפזוכן דעם „געוויסן" פון לאַנד...
גלייכגילטיק ס'וואָרט וואָס גרייכט צו די אויערן,
אים באַגעגנט אַ קאַלטע, געפּילאָזע האַנט...

*

— „ווער ביסטו מיין קינד? פון וואַנען דיין שטאַם?
וואוהין? שולדיק איז ווער אין דיין נע ונד?
ביסט אַ בעל־תשובה? דעק אויף מיר דיין פלאַם!
דיך הערן כ'וויל, אויב ס'איז ניט קיין סוד".

— „מיין טאַטע זכרונו לברכה — דער לייבציגער גאון
און איך אַן עלנטער בלאָנקע אין אַ פרעמדער דאָ וועלט,
פון ווייב און פון קינדער פאַריאָגט בין איך גאָר:
אַז אָן זין זאָל איך ווינטן זאַמלען אין פעלד..."

— „דער נסיון איז אַ שווערער. אויך גרויס איז מיין צאָרן —
האָפּ איך. בטחון מיין קינד, ווי איך, ניט פאַרליר!
פון הינטער דער חופּה איז מיין בת יחידה נעלם געוואָרן
זיי דו דער שליח! אין אַ דערהויבונג — דערמאָן זיך אין מיר!

ט.

פון שטעטל צו שטאָט מיט פיס שוין געשוואָלענע
גייט ער מיט זיי צו דער קיניגלעכער שוועל.
פאַר ווערטלאָזע ווערטער שטייט אַ געפאַלענער,
פאַר אויגן אַלץ גרוי — אַ פאַרכמורעטע זיין העל...

— „ווער ביסטו? גלייכגילטיק פרעגט אים דער מלך,
טרייבט דיך אַ נויט, איז ניט איצטערט די צייט...
ווייסטו אין אומרויקע שעהן ניט פועלן במילה,
אויב דיך יאָגט א רכילה, איז פון וועלכער זייט?

בעת שטייט פאַר אַ ברוך הבה אַזאַ קאַלטן —
גלעט ער די וווּנד זיינע אַלץ אָפענע —
דאָ מוז ער אויפסניי זי אין האַרצן באַהאַלטן
און זיך טראָגן מיט ווייען אין אויגן פאַרלאָפענע.

אויב געפינען דיין חן ווערסט, גיב דאָרט אַ פרעג:
פאַרוואָס אַ געזונטע אין אַלע אויפדערנאַכטן
גייט שלאָפן מיין קינד, אַז נאַכהער האַלבע טעג,
זאָל אַ פאַרחלעשטע ליגן מיט אויגן פאַרמאַכטע?

נאָך האַלבן טאָג ערשט פאַרלאָזט זי דאָס בעט
געל איז איר פנים און נאָך געלער איר לייב.

פאַר אַ רפואה מתנות געבן בין גרייט —
אַ האַלבע מדינה און, אַפילו זי פאַר אַ ווייב!"

י.

עס פעלט ניט באַדויער און מ'עצה'ט אים גערן.
איבער דער גרענעץ — אַהין זאָל ער גייען
מיט זיין חכמה דער מלך לאָזט זיך דאָ הערן —
ווייזן ער וועט אים דעם וועג צו זיין חן...

* * *

מיד, איינגעבראָכן טראָגט אויס דעם הונגער
ביז פאַרן מלך איז שוין אויבעט געשטאַנען
אויפן האַרצן די שווערקייט ווערט אַלץ ניט גרינגער —
די שטראַל זאָל באַלויכטן דאַרף קומען פון וואַנען?...

דער „וועד ביסטו" האָט היפּש איינגעריסן זיין לעבן.
צום ווילפטן מאָל קומט ער אַרויס אים אויף טירן?
ער וואָלט אוודאי אַן ענטפער אַ צווייטן געגעבן,
אָבער אַן אומזין קען אין תהומען אים פירן...

— „עס פעלן ניט אייגענע צרות, עס קאָכט און עס זידט...
מיט אומרו קוקט דער מלך אַריין אים אין פנים,
כ'בין ניט אַזוי אַלט, אַז זאָל זיין אַזוי מיד...
אַן אָפּגעסמטער שוין אויך איז מיין אייגענער ברונעם...

דיך ציט דאָך אַ כישוף, איז ווי קען איך דיר דינען?
איז גיי, גיי אויס דיר דיין וועג ביזן סוף!
גרייט בין איך טיילן מיט דיר מיין מדינה,
אויב ברענגען דו וועסט אויף מיינע וויעס אַ שלאָף...

יא.

זאָל זיך דער וואָלקן צערייסן אויף אַלע אופנים
און שמייסן מיט בליצן זייער וועלט זאָל, ווי אים...
ער וויל מער ניט קומען פאַר די „גרויסע כהנים"
ער וויל מער ניט הערן די פאַלשע נביאים...

ביי וועמען און פאַר וועמען חן זוכן דאַרף ער?
אַ ריינעם געדאַנק נאָר ביים הימל דאָ בעט ער...
אַז יעדער שאַרפט אוים די שווערד זיינע שאַרפער —
וועט צום ליכטיקן ברעג ניט גרייכן דער בעטלער...

אַזוי האָט ער געדאַנקען צעוואָרפן אין פעלד.
אַ ציל ביי אים איינער — צום סוף גייט ער גערן...
ס'איז ניט גענוג נאָר דער ווילן — זיין אויך אַ העלד,
מ'דאַרף אויך נאָך קענען אים ווערן...

און אַז די לעצטע שטראַל רייסט זיך איין שוין אינצווייען —
ציט ער אונטער סך־הכל'ן און גיט אַלעם אָפּ;
אויך די וועלט וועט מיט איר גוטן און בייזן פאַרגייען,
פריער צו שפעטער — פאַר אַלעמען אין וועג איז דער סוף...

יב.

טעג ניט געציילטע ער גייט אין אַ וואַלד —
ווו יעדעס דאָ פרעסט און ווערט אויפגעפרעסן...
ער געדענקט ניט ביי וועלכן תענית שוין האַלט,
ער ווייסט נאָר, אַז מ'וואָלט באַדאַרפט עפעס עסן...

פלוצים צעשפּרייט זיינע פֿאָלעס אַ גרין־געלער טייך
און ווערבעס אים צוימען אַרום ווי מיט רינגען;
גיט דאָ אַ בליוכע אַ וועל און אַ צווייטע אַ לאַך —
אַז ביידע זאָלן ווערן פונעם ברעג איינגעשלינגען;

פון דער מיט זאָל אַ מחנה נײַ־געבוירענע וועלן
מיט זייער אייביקן ניגון זיך גליטשען אַקעגן
און שוואַנען אָנצאָליקע שורות ווי קאַיאָריקע העלן
שווימען צו נאָענט און זייערע קעפּלעך פאַרנייגן,

נאָכהער ווי אַ ווייער צעשפּרייטן זיך אויפן פלאַך
ווי וואָלטן מיט זייער העלקייט דערגענצט, וואָס עס פעלט אים;
רעשיק פליען אָן פייגל און אויף זייער פויגלישער שפּראַך,
ברענגען אים גרוסן פון אויסגעטרוימטע, בעסערע וועלטן...

אַזאַ געטלעכע שיינקייט ווי זאָל מען ניט בענטשן?
אַפילו אַ טויטן אין קבר פון אָרט קען זי רירן...
פלוצים קלינגט־אָפּ זיך אין אויער אַ קול פון אַ מענטשן:
— „גיב מיר דיין האַנט, כ'זאָל דיך צו יענעם ברעג פירן!"

— „צעוואָס טויג מיר דער ברעג פון יענער זייט טייך?
דאָ איז דער סוף פון מיין וועג אַזוי שיין!"
גיט דער מענטש אַ ווינק מיטן אויג און אַ לאַך:
— „קום, אויף יענער זייט וועסטו שענערס נאָך זען!

איבערגעגעלט ביסט, וווהין האָלסטו דיין וועג?"
— „איך טראָג דאָ אויף אַקסלען מיין אייגענע נאַכט —
אויסגעזויפטע פון גרויע און פינצטערע טעג..."
— „און איך ביז ווען וועל אַלץ שטיין דאָ אין טייך?!"

יג.

שוואַנען מיט קעפּלעך פאַרלייגטע — שוין דרימלען,
פייגעלעך מיט זייער קריע שמע באַלייטן די גוססנדע שיין,
דער טייך שלייפט אין זיך איין דעם טרוים ביי די הימלען
און די נאַכט אַ געטרייע מיט אירע סודות דעקט אַלע איין...

דעם וואַלד קומט אַקעגן די שטילע נאַכטיקע רו,
דעם פויגל — דאָס גרינע אויסגעבעטע געלעגער,
נאָר חנניא'ן אויסהויכן די מידקייט זאָל דאָ —
קומט ניט אַפילו קיין איינציקע רגע.

אונטער אַ בוים וואָס האָט שוין קיין כוח ניט צובליען
פיבערט אויס זיינע ווייען אַ מאַכטלאָזער גוף:
אויף אַ פאַרטאָגיקער שטראַל קומט אַ וויזיע צופליען —
צערייסט זי און צעדרויבלט אַ געמוטשעטן שלאָף...

דערזעט ווי אַ מויער פאַרהילט שטייט אין קוויטן —
אָן טירן, אָן פענצטער — סתם אַ לאָך הינטערן דאַך;
ווי ס'וואָלט אינדערלופטן געהאָנגען אויף קייטן,
ווי ס'וואָלט עס אויף פּלייצעס געטראָגן אַ טייך...

שווער קלויבט ער זיין לעצט ביסל כוחות צונויף
און הינקנדיק לאָזט זיך צום פאַרכישופטן הויז.
ס'האַרץ טוט אַ ציטער, ווען אַ פענצטערל פּראַלט אויף,
און דערזעט אויגן אויסגעווויינטע אין אַ קאָפּ ביי אַ פרוי.

שניידט זיך אַריין אין דער גרוליקער שטילקייט איר קול:
— „ווער ביסטו? וועלכער כוח טרייבט דיך אַהער? זוכסטו
דאָ וועמען?

— „חנניא פלעגט מען מיך רופן, אַ תלמיד חכם פון אַ נאָענטן אַמאָל,
איך זוך אַ פאַרשפּעטיקטן שטראַל פאַר דערשלאָגענע
היימען...!"

— „אויב ס'האָט די שאַרף צו דיין האַלדז זיך געצויגן,
ווען האָסט נאָך ניט געוווּסט פון רחמים צו בעטן;
אויב שנאה האָט זיך נאָך ניט צעבליט אין די אויגן,
וואָס גערעכטיקייט זוכן אויך פאַר אַ צווייטן;

אויב געהערסט צו אַ שטאַם, וועלכער פאַר אַ ביסן דעם מויל
צאָלט מיט שווערע מיען און שווייסן, און אויב
דיין האַרץ איז פון יעדן־וועדער פרייד אויסגעהוילט,
און פרעמד איז דיין האַנט פון פאַרראַט און פון רויב;

אויב אין האַרצן איז די ליבע ביי דיר נאָך אַ ריינע
און שקר איז נאָך ניט געקומען אויף ערלעכע ליפּן;
אויב מסוגל ביסט האָסן ס'גראָבע און געמיינע
און ראוי מיטן אמת אַן אייביקע פריינדשאַפט אָנקניפּן —

איז ריין אַזאַ נשמה זאָל די טמאה פאַרטרייבן פון מויער,
טאָ גיב מיט דער רעכטער אַ פּאַטש אין דער וואַנט —
זאָל מיטן כישוף פאַרשווינדן די טרער און דער טרויער
און זאָל קומען די שנאה און איר צורר צו שאַנד!"

— ווי נאָר דער סוד פונעם כישוף מגלה איז געוואָרן —
בייט זיך דער אויסזע ביי דער פרעכטיקער מויער;
עס עפנען זיך טירן און פענצטער ווי אין אַמאָליקע יאָרן,
און מאַרמאָרנע טרעפּ פירן אים גלייך אַרויף צו דער פרוי.

יד.

ער הייבט־אָן מיט דעם אַלעף און גרייכט צו דער תיו,
און צווישן — זיין אייגענעם ווי איינגעשלאָסן,
און ווען דערמאָנט האָט דעם נאָמען פון אָסטאַווער רב —
האָבן זיך אירע אויגן צעטומלט און אין טרערן פאַרגאָסן:

— „שטיי !, גיט זי אַ יעכץ, מיין טאַטע, ביי אים ביסטו געווען
און מיין אָרעמע מאַמע ? וואָס ? וואָס ווייסטו פון זיי ?
און אויף אַ רחמנותדיק קול האָט זיך צעוויינט,
בעטנדיק אים : — „דערצייל מיר, דערצייל !".

. . . .

טו.

זיצט ער חנניא ביים טיש פאַר אַ שיסל און עסט ניט.
— איז דאָס אַ גילגול פון אַ בלאָנדזענען חלום ? —
פון אַזויפיל תעניתים האָט ער שוין אַוודאי פאַרגעסן
דעם זין און אַפילו דעם טעם אין מאכלים,

אָבער זיי לאָזן זיך הערן — טעמים ווייניקע און זיסע
— און ווייטער, פרעגט ער זיך, ווייטער וואָס וואַרט אים ?
— איז זי געקומען פאַרלענגערן זיין גסיסה ?
— צי פשוט, מיט אַ מאכל אין פאַסקע פאַרנאַרט אים ! ? —

זי כאַפּט אויף אַ געדאַנק אין זיין טרויעריקן בליק :
— „בטחון, זאָגט שמייכלנדיק, יאָרן דאָ ליג איך און האָף !
די נאַכט וועט דעם ריז אַ העך ברענגען צוריק
און מיט אים וועט אויך קומען זיין סוף.

אַש, אַש דאַרף פון אים ווערן סוף שוין, אַ קיפּע!
פון אים טאָר דאָ ניט בלייבן קיין שפּורן!
דאָס האָט ער מיך און מיין חתן פון הינטער דער חופּה
אין זיין גיהנום געברענגט פון כמה שוין יאָרן!"

. . . .

טז.

אַהין אויפן מערב, ווער יאָגט אַלץ פון דאַנען די זון?
בלאָנדזשעט אַ שטראַל דאָ אַרום און פּרוּווט זיך פאַרהאַלטן...
גנבעט אַ שטילע די נאַכט זיך אַריין און נעמט אַלץ אַרום —
זי ווייסט ווי געהעריק די שטראַל אויסבאַהאַלטן...

*

— „נעם, זאָגט זי, צוויי בינטלעך גראָז, אָט האָסטו און ווייס —
זייער כוח איז — פאַרנעפּלען דיין פּנים ער זאָל דיך ניט זען
פילן ער וועט דיך מיט זיינע גרעסערע און קלענערע נעז,
אָבער געפינען — דאָס וועט ניט און קען ניט געשען.

אין כישוף געווען איז — פון אַלעמען וויסן אין לעבן...
און פון סודות — אַ סוד דאַרף ביי אים בלייבן;
אין רגע'ס שוין לעצטע אַן ענטפער אויף פראַגן וועט געבן
דו דאַרפסט אויף פּאַפּיר זיינע ענטפערס אויפשרייבן!

מיט געשמאַקע מאכלים ער וועט זיך היינט קוויקן...
ווי קיינמאָל — זיי וועלן סמען און לעשן זיין העל,
העלן אַוועקגערויבטע ביי אומשולדיקע בליקן,
אויך היינט פריי איז דאָס פייער זאָל נעמען זיין פעל.

ווי לאַנג אין כישוף און אין סודות ס'מויער געווען איז...
דער גיפט פון די גראָזן קרעפּטיקט און שטאַרקט אַלץ
מער אים...
ער קען שוין ניט וויסן, וואָס היינט דאָ געשען איז —
ער ווייסט, אַז דאָ איז ניטאָ ווער זאָל אים פאַרשווערן...

ער קומט, עס הערט זיך אַ רעש אינעם וואַלד
— שטעל זיך צו דער וואַנט! באַפעלט אים די פרוי".
ווי אַ וויכער אַריין איז דער ריז מיט אַ גוואַלד:
— „אַ ריח פון אַ מענטשן איך פיל, דאָ פיל איך גענוי".

— „ווער קען גרייכן דיין מלכות, ריזיקער העלד?
דיינע כוחות אויסמעסטן — זעסט ערגעץ ווו אַזאַ מאָס?
אַ מהיפּיתדיקע, נישטיקע ציטערט פאַר דיר אַט די וועלט
און דו שפּילסט זיך מיט איר, ווי די קאַץ מיט דער מויז".

הכנהדיק לייגט זי אים אַ לעקעכל אונטער, זאָל עס רייצן
געשמאַקן.
פאַר קעסלען אָנגעגרייטע מאכלים ער שטייט שוין געבויגן —
סע געפעלט אים, הילכיק ציינער אין מיילער הייבן־אָן קנאַקן
און די קראָ, זיין פויגל געליבטער, ביי דער סעודה שטייט
פאַר די אויגן...

פאַטשט אוים מיט פּיסקעס: — „די פיינסטע עס איך פון זינט
די טריפענע וועלט זייערע מיטן גיפט דאַרף באַנייען...
זיי זענען נאָך קיינמאָל אַזוי זים ניט געווען ווי אַצינד,
מיט זייער סם וועל איך מאָרגן דעם מזרח באַשפּייען!

ווי, וויפל נחת רוח די מאכלים וועלן מיר ברענגען!
כ׳וועל שוין ווייזן ווי הויך איז דער פלי פון די פייגל...
פאַר זיי וועל אַ „תמיד" אַ שוואַרצן אויפהענגען —
ווער אויף קוילן און ווער זאָל אין טמאה זיך פרעגלען..."

טרינקט אָן זיך מיט וואַסער, בעת זי מאַכט ס׳געלעגער
נאָכהער צעלייגט זיך אין בעט מיט מידע שוין קעפ;
די פרוי גלעט זיי באַזונדער, אַזאַ איז אַ שטייגער: —
קעמט אוים אַ קאָפּ און פאַרפלעכט אים די צעפּ.

בעת פוצט אוים דעם ערשטן, פרעגט זי ביי דעם:
— „פאַרוואָס ר׳ נאָטע גביר פון לעוועניזשאַן
חנניא׳ן זיין איידעם פאַריאָגט פון זיין היים?
אַן ענטפער דער קאָפּ גיט און אין שלאָף פאַלט אַריין.

בעת קעמט ביים צווייטן די געקראָזלטע האָר
און באַפוצט אים מיט אַ גאָלדענער רינג
פרעגט: — „פאַר וועלכער זינד דער רב פון טאַגור
פאַרלירט פאַר דער תורה די ראיה אַזוי יונג?

איצט זאָג מיר דו שטילענקער, טו אָן זיך אַ מי —
פאַרוואָס די פרינצעסין פון שטאָם מאַמעלוג
געפינט מען אָן וויסן אין בעט אינדערפרי?
און וואָס צילט אינעם מלך דער קומענדיקער טאָג?

דו פערטער, חכם מיינער, זאָג אוים אַ סוד!
וואָס איז מיטן ברונעם ביים מלך פון דער מדינה?
פאַרוואָס זאָל ער אויף אייגענע ערדן זיין נע ונד?
און ניטאָ איז אַ טאָג ער זאָל ניט אָטעמען מיט שנאה...

פֿינפֿטער און זעקסטער, שוין? ביי ביידע אויגן פֿאַרגלייזט...
שיין פֿאַרשלייפֿט אייך מיין גורל, שטיל און פֿאַוואָליע...
אַזוי קענען נאָר גראָזן... זיבעטער זאָג, דו פֿון אַלעמען ווייסט—
פֿאַרוואָס און ביז ווען וועט דער מענטש אינעם טייך דאָרטן
באָליען?
*

אַ צעמישטע די פֿרוי פֿון פֿרייד און פֿון גליק,
ווי אַ געליימטער ליגט שוין צעצויגן דער ריז
פֿון צייט עפֿנט אַן אויג און פֿאַרמאַכט עס צוריק
באַלעקט זיך אַ ליפּ — צומאָל איז דער סם אויבעט זיס...

מיט ברעך־שטאָף באַגיסן און צינדן אים אונטער
צערעווען זיך מיילער, שמייכלט זי אַריין אינעם רעש
ערשט דעמלט פֿון שטאָק זיי גייען אַרונטער,
ווען פֿון ריז איז פֿאַרבליבן אַ קיפּע מיט אַש.

. . . .

מ׳זוכט אויף דעם חתן ווו געווען איז באַהאַלטן
פֿאַרוואַקסן, פֿאַרלאָזט — ניט געוואַשן, ניט געשוירן,
ווילד, ווי אַ חיה אין שטייג אים געהאַלטן —
אין שמוצן און אין קויטן איבער די אויערן.

דערשטוינטע, פּנים אל פּנים פֿאַרגליווערטע שטייען
מיט אַן אָטעם געשטיקטן און פֿון ווייען פֿאַרקווילטע,
אין חלום אַפֿילו קען אַזאַ נס ניט געשען...
שטייען זיי פּוסט — פֿון לעבן אויסגעהוילטע.

אַזאַ פּרצוף איז געווען ביים אורזיידן,
ווען די היים געווען איז דער בוים אים.
באַשערן און פֿון שמוץ באַוואַשן אים ביידע —
צוריק זאָל באַקומען דעם צילום אלהים.

*

מיט הערצער גאַר אַנדערע גייט מען אויסקוקן די מויער
אוצרות פון זילבער און גאָלד — איז ניט צום ציילן.
עפנט זיך פּלוצים ברייט פאַר זיי אויף אַ טויער —
איז פאַר דער נסיעה פערד דאָ אויכעט ניט פעלן.

*

רוען הערצער זיך אויס פון שרעק און פון גרוילן.
און כוחות אָנזאַמלען דאַרף מען פאַר וועגן.
אַ שטראַל ביי דער זון וועט מען יאַקאָסע שוין פועלן—
דעם גאָלד גייט ס׳לעבן מיט אַ שמייכל אַקעגן?...

יח.

יעדער אויף אַן אָנגעלאָדענעם וואָגן מיט גיטער
פאַרלאָזן די מויער מיט אַ ברייט־אָפענעם אָטעם —
צום וואַלד, ער וועט שוין ניט זיין אַזוי ביטער: —
קאַרגן אַ פּירה און פאַר דער זון זאָל אַ שאָטן...

*

עס וואַרט שוין דער מענטש אינעם טייך אויף די געסט
מיט שפּאַנונג שטייט ער פאַר איינעם פון אָט די געשטאַלטן,
און אין ברוסט־קאַסטן ס׳האַרץ אין גערעג און עס פּרעסט —
ווי לאַנג האָט איינעם פון זיי אויף פּלייצעס געהאַלטן!?

ווי דערוואַכט פון שלאָף, דער מענטש אָן אַ נאָמען,
אַ פאַרשעמטער לאָזט ער אויף דער ברוסט פאַלן זיין קאָפּ:
— „האָסטו געפרעגט כאָטש, ווען אַ סוף וועט אויך קומען
צו דער קללה, וואָס טיילט זיך פון מיר דאָ ניט אָפּ!?

נאָך היינט, פרעגט ער זיך, אַן ענטפער מיר געבן דאָ וועט ער?
און אַ טרער גיט אַ בלישטש אין זיין אויג. — „דו וויינסט?
נו, נו, שמייכלט חנניא, אַט האָסטו גאָלד — דער גאָט פון די געטער
און אַרויס וועסט פון דאנען נאָך פריער ווי מיינסט.

דיין גאולה איז נאָענט, זי איז ממש אין וועג —
ווען אויף יענער זייט טייך זענען אַלע געשטאַנען —
דעם ערשטן, זאָגט חנניא, ווער ס'וועט קומען צום ברעג
שטעל אים אין טייך און מיט זיין נאָמען אַרויס זאָלסט פון דאַנען!..."

יט.

ווי פריש דער וואַלד איז, גאָר אַן אַנדערן זעט אים:
זאַפטיקע פּירות, ווי קען ער אַזוינע געדענקען?
ערשט נעכטן אַ בייזער, ווי וואָלט צו תפיסה באַלייט אים,
אַז איצט זאָל גאָר ס'שענסטע און בעסטע אים שענקען...

פאַרוויגט אים די מידקייט אין אַן אויסרועדיקן שלאָף
און חלומות פירן אים אויף אין־סופיקע שליאַכן;
פאַרלירט ער די אָנגעלאָדענע שווערקייט פון גוף
און ווי אַ באַפרייטער פויגל פליט איבער פלאַכן.

כ.

חנניא שוין פאַרן מלך, וואָס שמט מיט זיין חכמה אין וועלט.
— „חן־זוכער? כ'בין זיך ניט טויע? דו ביסט עם מיר שיינט!?
קומסטו מיט אַ בשורה דערקוויקן, מיין ניט געקרוינטער העלד?
מיין בקשה און צוזאָג פון נעכטן איז גילטיק אויך היינט!"

— „אַ האַלבע מדינה איז דיין צוזאָג געווען,
טאָ שרייב אויף אויף פּאַפּיר און פּאַרזיגל מיין האַר!
אַז דיין אויג זאָל אַ זעאונג און אַן עולה דערזען
ווי אויך די קוואַלן — דיר טראָג איך אַ שליסל דערפאַר;

איבערפולט דיינע ערדן מיט בייזקייט, מיט אומרעכט און גרויל
פון מזרח צו מערב, פון צפון צו דרום
און אַז די בייטש ווערט אַ מיטל פאַר דער צונג אינעם מויל: —
צייטיקט אין שאָטן דער טאָג אויס דעם שטורעם..."

כא.

חנניא, אין שפּיץ פון אַ מחנה אַ גרויסער —
זעלנער, נעכטיקע קנעכט און הויכע אָפיצירן,
גערעכטיקייט טיילט — צי גייט ער אין שול, צי אין קלויסטער,
צי וויסן און געוויסן אויף אַנדערע וועגן אים פירן...

יונג און אַלט, קליין און גרויס גייען אַרויס אים אַקעגן
מיט ברויט און מיט זאַלץ, מיט פענער און בלומען
אויף גאַסן אויסגעפּוצטע און אויף שטויביקע וועגן
הילכן מיט פרייד אָפּ אין רוימען זיין נאָמען...

יאָרן געציילטע זענען פון דעמלט פאַרלאָפן —
ווי מיט געלעכטער און מיט שפּאָט מ׳באַלייט אים,
אַז היינט זאָלן טויערן שטייען ברייט פאַר אים אָפן
און דער מלך בכבודו ועצמו אַקעגן דאָ גייט אים.

— „מיין האַר, שמייכלט חנניא, האָסט געווים שוין פאַרגעסן
אַן אמת, אויך מיט מיינעם געקומען אַמאָל בין פאַר דיר...
אין דיין מדינה — גניבה און זנות צופיל שוין זיך נעסטן
געפינען אַן אָנשפאַר... און ביי וועמען אַן אָפענע טיר..."

— „נו, נו, איך בעט! פאַרנעפּלטע ענינים בין איך ניט גערן!"
— „קלאָר איז מיין וואָרט פאַר אַן איידעלן אויער...
מ'דאַרף אַמאָל מער איבערן פשוטן קלערן —
אויב אויסהיטן פון פלאַמען עס וויל ווער די מויער..."

— „מיר העלפן, זיי רואיק, איך וועל דיך אין דעם ניט באַמיען...
צום עיקר, קומסט אויך פאַר דעם און ביסט נוטה אַצינד
פאַרגעבן מיין חטא, ווי דו מיינסט, און מיט אַ רפואה
העלפן מיין אומגליקלעכן, אָרעמען, מאַכטלאָזן קינד!?"

— „אַזוינע, קליינע חטאים'לעך שאַר איך אַפיר...
גרעסערע דיינע — וועלן דערגענצן דעם טומל...
איז לייג־זשע דיין צוזאָג אוים אויף פאַפּיר —
זאָל כאָטש פאַר אַ טייל קלאָר ווערן דער הימל..."

רפואות לאָזט איר חנניא אין אָדער אַרונטער
אַ סוד זאָל עס בלייבן — פאַר דעם דורות שוין זאָרגן...
און די בת מלכה אַ פרישע, אַ שטאַרקע און אַ געזונטע
שטייט־אויף פונעם שלאָף שוין יעדן פרימאָרגן...

. . . .

כב.

אין שפּיץ פון אַ דאָפּלטער מחנה זעלנער און אָפיצירן
חנניא אויף ווינטיקע פליגל וויל אין געהיים

חתן כלה וואָס גיכער צו טאַטע מאַמע אָפּפירן
און אַליין — אין אַ ווינקעלע פון זיין אַמאָליקער היים.

ליכטיקער ווערט אויף גרויסע און קלענערע וועגן...
ער פרישט אָפּ די לופט אין דאָרף, שטעטל און שטאָט...
עס ווערט לייכטער דער אָטעם — אַלע שוין מעגן —
וואָס מ'האָט ניט געטאָרט, געווען אַ פאַרבאָט...

* * *

בעת דאָס שטעטל פאַרוויגט זיך אין זיסע חלומות
אַ צעבראָכענע, שלאָפלאָזע מאַמע אין בעט אירן זיצט;
דער אַלטיטשקער פאַר אַ גמרא אין טרויער אַרום איז
פאַרענדיקט אַ בלאַט מיט אַ רחמנותדיקן זיפץ.

אַ „ווי איז מיר" און אַ קרעכץ גרייכן ביז אים,
אין אירע אויגן ניטאָ מער קיין טרערן צום וויינען
ווערט זי ניט מיד זיך אַריינזאָגן אין בוזעם:
— „בטחון, האָב איך שוין אויך ניט אין קיינעם!"

— „שרה'לע, זינדיקסט. שוין גלייכער זאָלסט שווייגן!
אויף גאָט זיך באַקלאָגן איז דיר גאָר געבליבן!?
בעט ביי איר זיך דער אַלטער און פרוווט איבערצייגן,
אין אונדזערע הייליקע ספרים שטייט בפרוש געשריבן:

— אפילו חרב חדה מנחת על צוארו
— אל ימנע מן הרחמים. — „עפנט די טיר,
הערט זיך פון יענער זייט פענצטער אַ קול,
אמת, בטחון אין לעבן קיינמאָל פאַרליר!"

און חנניא — דער מלך אויף דער שוועל שוין ביי זיי.
אַ דערשראָקענע די אַלטיטשקע צאַפּלט און ציטערט
מיטן וואָרט אירן ווערקט זיך, טוט אַ געשריי:
— „רב, ס'איז אַ שד, גיב ניט די האַנט אים, ניטע!"

— „ווער באַהאַלט זיך הינטער די קעניגלעכע קליידער?
וועמען זוכסטו ביי זקנים אין דער נאַכטיקער רו?
פאַר געסט — אַ שפּעטע די שעה געווען איז כסדר!"
מיט אַ ציטער אין קול שטיל פרעגט דער אָסטעווער רב.

— „מיין טאַטע זכרונו לברכה — דער לייבציגער גאון
און אַליין — אַן עלנטער וואָגל אַהער און אַהין
ווייט פון ווייב און קינדער, זייט דעמלט אַן
זוך איך און נישטער... געפינען אין לעבן אַ זין...

דו ביסט עס? די העכסטע מדרגה דערגרייכט ווי כ'זע
עס פרייד מיך, זאָגט דער אַלטיטשקער און קוקט זיך אַרום,
האָסטו געדענקט כאָטש די טרער פון טאַטע-מאַמעס אַ וויי?"
— „דערפאַר אין אַ שעה אַזאַ שפּעטער אַצינד צו אייך קום

„מיט אַ בשורה אָנגעווייטיקטע הערצער דערפרייען;
הערצער גערוידעפּטע, חן-לאָזע — הערצער יידישע...
אַ ידיעה איך ברענג פון אייער לאה'ן
אויך איר ליבע פאַר אייך — אייער בת-יחידישע

ניין, ניט וויינען! שטאַרק דאַרף מען זיין,
ווען די שווערקייט פון לעבן פאַלט פּלוצים אויף דיר!"
מיט אַ געוויין לויפט לאה אין חדר אַריין
און דער חתן מיט אַ טרער בלייבט שטייען אויף דער טיר.

. . . .

דאָס זילבער און גאָלד און וואָס איז נאָך בילכער
לאָזט חנניא לאה׳ן און איר חתן אַביגדור
און אַליין אין שפּיץ זיינע מחנות וואָס גיכער —
צו זיין היים — טאַטע־מאַמע, פרוי און קינדער.

כג.

עשירות און כבוד, ווי בעתן שניט וואַקסן אוים סטויגן,
אין האַרצן אַ בענקשאַפט וואַקסט וואָס אַ טאָג שטאַרקער.
פאַרגעסט ניט אין רב מיט זיינע שוואַכע שוין אויגן:
באַפעלן אים דאַרף ער — אַז פאַלש זיין פאַרקער איז

זאָגן ער וויל אים: — אַז אָט אָ די תורה
געגעבן געוואָרן איז ניט אויף דעם אופן,
אַז מ׳זאָל זי אויף שטיקלעך אָן בושה, אָן מורא
דעם פשוטן מענטשן פאַר שווייסן פאַרקויפן.

כד.

שטיבלעך האָרבאַטע, צעוואַלעטע, קרומע
אויף שטויביקע געסלעך, אַרום ריפּעם און גריבער
ווי עם אָטעמען הערצער ערלעכע, שטומע...
זענען אים טייער, איצט זענען אים ליבער...

אָט קומען די שטיבלעך אַרוים אים אויפסנייי
מיט זייער אָרעמער ריינקייט אַקעגן.
— מיט שפּאַנונג און ציטער און אַ טרער אויך דערבייי —
ווי מחנות זיך שלענגלען אויף שטויביקע שטעגן

און אין שפּיץ פון די מחנות איז ווער,
מיט שטאָלצקייט און גאווה אין געאייל,
אַז ניט זייער באַלעבאָס — ר׳ נאָטע זיין שווער?
— זיין נאָמען אַ סוד כאָטש זאָל בלייבן דערווייל —

אַפילו אין שלאָף קען ניט קומען דערצו —
חנניא׳ן גאָר חלומען אַלס מלך. בלאָס ווי די וואַנט
ר׳ נאָטע גביר פאַלט פאַר אים אויף די קני
און מיט ציטערדיקע ליפּן קושט אים די האַנט.

כה.

— „צו וועמען אַ גאַסט אַזאַ טייערן פאַרפירט מען?
צו וועמען, אַז ניט צו ר׳ נאָטע גביר.
און פון כל מיני צרות וועמען פאַרהיט מען?
מזל, גייסט דווקא אַהין, ווו מ׳וואַרט ניט אויף דיר!

טענה׳ט אַ יידל זיך אוים מיט זיין איינציקן גאָט.
וואָס, וואָס האָסטו אַזוינס אין אים גאָר דערזען?
אַז זויפּט פרעמדע בלוטן איז שוין פאַר קיינעם קיין סוד,
ווו־זשע איז צדק? מיינסט ניט אַז צו פיל שענקסטו אים
דיין חן?!

— „מזל?, הויבט אָן אַ צווייטער, וואָס פאַר אַ מרידה?
מקנה אים זיין, פיידן מיט דער קאַפּאָטע און באָרד זיינער
שיינער
צי נחת? אפשר פון דער אלמנה מיט יתומים — זיין
בת יחידה?
איר מאַן נעבעך? ווער ווייסט ווו עס פוילן שוין זיינע
ביינער?

שאָקלען צו יידן די בערד, טרייסלען זיך אונטער די פּאהות
און, ווען אַ דריטער פּרוווט מיט אַ וואָרט — דרייט מען די נעז:
ווי דעם געגעסענעם, אַזוי ווען עס פעלן די מאות...
— „אויף גבירים איז דאָ אַ פּאַרוואָס, איז מעג מען זיין אויף
זיי בייז".

* * *

צעפּויקט מען אין גאַסן: „זאָל מען הערן און וויסן:
„יעדער זאָל קומען דעם מלך דערציילן
ווען מען עס פעלט פּאַרן מויל אוים דער ביסן
און ווען מען אַ רפואה — ווינדן פּאַרהיילן".

ווען האָט אַ ייד ניט אויף וואָס זיך צעקלאָגן און בעטן?
איז לויפט מען — אַ שטראָף, אַ בלבול פאַר אַן אמת אַ הוילן.
ווען האָט מען געמעגט אַ מלך'ס אַ שוועל איבערטרעטן?
— „איז וואָס פאַר אַ מלך איז ער, אַז מ'קען ביי אים אַ טובה
גאָר פּועלן"?...

. . . .

ס'לאַדט איין דער מלך צו טישן — אין פּאַלאַץ ביי ר' נאָטע'ן,
גיט מען צו וויסן, עס טאָרן ניט פעלן אַפילו קינדער אין וויגן,
ביי ווען מען אַ פרייד און ביי ווען מען אַ שרעק הינטער
טלית־קטן.
ווער עס וועט פעלן איז שטראָף — אַ חודש אין תפיסה
וועט ליגן.

* * *

אַרום טישן געגרייטע — מאַכלים, מאַינעס, פּירות און וויינען
רייצן אַפּעטיטן, נעמען זיך קוויקן הערצער פון שטעטל.
ניט גאָלדענע חפיצים, פּערל צי בריליאַנטן דאָ שיינען,
נאָר עס שאַרט זיך אַן אומעט אַפיר פון הינטערן שייטל...

פּאַר אויסגעלעדיקטע פלעשער, טעלער און שיסלען —
לאַכט זיך און, אַז מ׳קען ניט אַ פרייד אויסבאַהאַלטן —
דעמלט אויך זינגט זיך, הויבן זיך פיס אויך צוביסלעך.
ווערט פלוצים שטיל. דער מלך אַ דרשה וועט האַלטן.

— „אַט ווי אַן אמת, הויבט אָן דער מלך, גייט ניט פאַרלוירן
ווי טיף מ׳זאָל אים באַגראָבן, דרויבלען אויף טויזנטער שאַרפן,
מיט גאָלד אים פאַרגיסן און ווי לאַנג זאָלן צייטן ניט דויערן —
קומט ער אַרויס אויפן פלאַך ווען מ׳דאַרף אים...

אַן אמת גייט ניט פאַרלוירן און ווערט ניט פאַרגעסן!
אַט וואָס געשען און פאַרבליבן ביז היינט איז אַ סוד:
אין אַ טאָג איז אַ גבירטע אין אַ ביטל — איינע געזעסן
און באַוויינט זיך איר גורל צווישן ווענט אין דער באָד.

אַזוי פּרוּווט זי, צום וויפלטן מאָל, מיט אירער אַ תפילה
דעם בורא דערמאָנען און טאָקע אַ בעט־טאָן, ער זאָל געדענקען
אירע מעשים טובים און מצווה מקווה אַפילו...
מאָנט זי דערפאַר כאָטש אַ קינד, אַ יורש, זאָל ער איר שענקען.

בעט זי און וויינט און, גרוילען גייען דורך איר הויט —
שוואַרצע מחשבות אויף שטויב הערן ניט אויף, זי אַליין דרויבלען.
פלוצים, ווי אַ ווינט, אין באָד אַריין איז אַ דינסט מויד —
אויך זי איז געקומען אין מקווה זיך טובלען.

ווייבל, זאָגט די גבירטע, קום צו מיר אין ביטל אַריין
אויך אין מקווה גייען אינאיינעם, אויב מיר׳ן בוררן

אַ יונגל און אַ מיידל, איז מן השמים אַ זיווג, חתן כלה זיין".
האָט די גבירטע דעם אָרעמען ווייבל פאַרשווירן.

ברענגט צו דער צייט די גבירטע אַ מיידעלע אין שטוב.
ווען דערציילט האָט איר מאַן וואָס געשען איז אין באָד —
האָט זי מיט איר סוד פאַר אים ווי געעפנט אַ גרוב
און שוין־זשע אַוועק איז אויפזוכן ס'שטיבל אין שטאָט.

אין אַ צעוואַלעטן שטיבל מיט בייכיקע ווענטלעך
דורכן פענצטערל דערזעט ער אַ קינד פאַרשמירט מסתמא
ליגט דאָרט און יעכצט, וויינט און שטרעקט זיינע הענטלעך —
שמאַכט נאָך דער ברוסט פון זיין פאַרוואָגלטער מאַמען.

לויפט דער גביר גיך אויפזוכן אַ יונג אַ געניטן
פאַר אַ זשמעניע מטבעות זאָל פאַרזאָרגן דאָס קינד...
ער מעג אַפילו אין וואַלד מיט ערד עס פאַרשיטן.
צעיאָטערט זיך אין האַרץ ביי אַ מאַמען אַן אומהיילבאַרע ווונד.

ערגעץ וויט, העט ביי דער טיר צעכליפּעט זי זיך
און ר' נאָטע גביר — אַ בלאַסער, אַן איבערגעגעלטער...
דער מלך פאַרלאָזט זיין אָרט, גייט צו צו איר גיך
קוקט איר אין פּנים אַריין און וויטער דערציילט ער:

— „נעבן וואַלד לאָזט דער יונג איבער ס'קינד אויף דר'ערד
און אַליין באַהאַלט זיך הינטער דער הילצערנער בריק.
אַ רב, אין וועג צו זיין היים, אין שטילקייט דערהערט
האָט אַ קול פון אַ קינד, אַ קינד פון דער וויג.

*

אַ פריילעכער קומט מיט אַ קינד אָן דער רב פונעם וועג,
ער האַלט עס ביים האַרצן, ווי מ׳טראָגט ביי הקפות אַ
ספר תורה.
— „רביצן, זאָגט ער, הער וואָס געקלערט האָב די טעג: —
אַז פאַר מיין תפילה שטייען שוין אָפן די טויערן...

*

עס וואַקסט דאָס קינד אין ליבע, אין צדק, אין יושר;
מען טרינקט אָן מיט גלויבן אין אים אַלע צעלן:
אַז געווינען איז ניטאָ, וואָס צו זוכן ביים עושר
און אמתן געפינט מען אויף אָרעמע שוועלן...

. . . .

און ווען די בת־יחידה פאַרבענקט זיך, אַ וועלט פאָרט דער
גביר אוים...
אַזוינס ווי אַזעלכעס, טענה׳ט דער ראש הישיבה, טענה׳ן
חסידים,
ווי עס פּאַסט פאַר אייער יחוס און פאַר אייערע עשירות, —
ער שמט מיט זיין לערנען, דער ערשטער פון אַלע תלמידים.

צו אַזאַ בת־יחידה שדכענען זיך די בעסטע — „זיידענע קינדער"
נדן — ס׳גאַנצע פאַרמעגן, ממש אויף דער ערד אַ גן־עדן.
פון אַזויפיל בחורים — יעדער אַ גאון איז באַזונדער —
קלויבט ער אַ רב׳ס בחורל אוים פאַר זיין איידעם.

נאָך היינט איז ער ניט מוחל: — ס׳טיישט און פאַרוואָס?
אַז גאָלד ציילט זיך ביי אים מער ווי אין הימל די שטערן,
זאָל אַ קבצן אַ רב און ניט אַזאַ איי, איי, נאָך דרייען מיט דער נאָז,
אָבער יידן לייגן איין וועלטן, אַז דער שידוך זאָל ווערן.

*

נאָך פון דער היים ביי אים איז געווען אַזאַ טבע: —
קומען אויף אָרעמע שוועלן, עפּעס אַ בענקעניש נאָגט אים...
און אַז ס'פעלט אוים דעם שווער זיינעם אַ יידישער אבר —
איז אָן אַ פּאַרוואָס פון ווייב און פון קינדער פאַריאָגט אים...

אַ מורמל כוואַלעט זיך דורך פון טישן צו טישן...
ר' נאָטע גביר אַ בלאַסער אינצווייען איינגעבויגן
מיט אַ ציטער אין האַנט פּרוּווט דעם שטערן באַווישן
און ווייט ביי דער טיר אַ יידענע גלאָצט מיט די אויגן.

— „פּאַרוואָס? איצט איז דער „פּאַרוואָס" אַרוים אויפן פּלאַך,
זעצט פאָר דער מלך, עס האָט ניט געהאָלפן — דער כוח
פונעם גאָלד,
דערוווּסט דער גביר זיך, אַז נאָך אין דער זעלבער נאַכט —
זיין מחותן, דער רב, געפינען דאָס קינד האָט אין וואַלד.

מיין אמת, איז אויך דיינער, נעמט ער די אָרעמע יידענע אַרום,
איך בין דיין קינד, ווערען באַוויינט האָסט אַ צייט!
און איר קינדערלעך מיינע, און די ליובע, קומט!
ער האַלדזט זיי, ער קושט זיי און האַלט ביי זיין זייט.

און ר' נאָטע, מיין שווער, ווי שטייט מיט זיין כוח?
— „איך מיין, ציטערט ר' נאָטע, מיט חנניא'ן מאַכן אַ בייט —
גיין זאָל, ווהין אים האָב געשיקט. — „אַזוי מיין איך אויך!
גיי זוך אויף דיין חן ביי גאָט און ביי לייט!

אַבער העלפֿן איך וויל דיר, ניט בלאָנקען סתם אין אַ וועלט אָן אַ זין,
ווי מ'באַגעגנט אַ קאַלטן, טרוקענעם „לאָז מיך צורו"
און מ'גייט אין זיג־זאַגן ווי ס'גליסט זיך דעם ווינט...
נאָר גיין אויף קורצע זייטיקע וועגן און שפּורן די שעה...

אין צפֿון וועסטו די גרעניץ אַריבער, דיר וועט ווערן גרינגער,
ניט פֿאָרן, גיין דאַרף מען גלייך, גלייך מיטן פּנים צו מערב
ביזן וואַלד. אויב ס'וועט גראַבלען און מוטשען דער הונגער,
אַ ייִד איז אַ חכם, גיב זיך אַן עצה און מיט סלינע אַלץ נאָר אים.

פֿאַרן דורשט — אין וואַלד זענען ברונעמס גענוג, אויב זענען טיף...
דאָרט פֿליגעלעך שוין צופֿיל נודזשען און ווילן זיך בייסן;
זאַפּטיקע עפּל דיך רייצן, זענען שלענג אָבער גרייט דיר
שענקען זייער גיפֿט...
אַז וואַסער קען מען ניט שעפּן, איז עפּל פֿוןביימער טאָר מען
ניט רייסן...

שווער ווערט שלעפּן אַ פֿוס און שווערער כאַפּן דעם אָטעם...
און פֿון אויבן — שיקט דיר אַ מאַלפּע אַ שאַל, און אַ לאַך:
ווען פֿאַר דער זון זיך באַהאַלטן גיט דער בוים ניט זיין שאָטן...
אַזוי וועסטו גיין ביז גרייכן אַ געל־גרינעם טייך...

אַ מענטש אָן אַ נאָמען פֿון טייך וועט דיר קומען אַקעגן —
זיין שטיין דאָרט באַשטייט דעם וואָגלער באַדינען...
אויף יענער זייט טייך — אויף יענע פּרעכטיקע ברעגן —
האָב איך מיין חן אין איינעם אַ בלויען פּרימאָרגן געפֿינען..."

אינהאַלט:

איך וויל אַזוי

איך וויל אַזוי 11
אַ טייל זאָגן 13
ניט געלאָשן איז מיין פלאַם . 15
יידיש 16
דער שטראַל וואָס בריט . . 18
געטלעכע טענער . . . 19

יונגע יאָרן

געזינטער שטיין אויף זיינע פיס . 23
קינדער יאָרן 25
יונגע יאָרן 35

אַן אָפן האַרץ

מיין חברטע 39
געדענק 40
די בלום 41
אַן אָפן האַרץ 43
שטילער טרויער 44
דאָס בריוו קעסטעלע . . . 46
פאַרוואָס אַזוי גאָר . . . 47
בריוו (פראַגמענט) . . . 49
וועק מיך ניט 61
פרילינג 63
ערשט נעכטן 65
וואָלקנדלעך 68
זאָגן וויל איך דיר . . . 69
ביים טייך 70
צעוואָס 72
פרילינג 74
נשמות 76
קינדערישע אויסשטעלונג . . 79
שלום עליכם 80
געדענקסטו 82
דער בלויער פרימאָרגן . . . 84
דער הונט 86
מיין וועג 88

מיט דיין טראָפּן שוויס

פיר טראָפּן 93
1־טער מאַי 95
איך ווייס ניט 97
ביילקע 99
פאַר צינזן טראָג איך וואַסער . 116
מיט דיין טראָפּן שוויס . . 119
מיין חלום צייטיקט זיך . . 121
היינט 122

מיט ליבע איך קום

כאַטקעלע מיינע 127
יורדים 129
צו יהודה הלוי 131
קול ישראל 134
וואָס מיט חיימלען איז געשען . 136
קום 140
מיט ליבע איך קום . . . 142
היים 144
עס איז אַ שאָד 146
איך קום אַהער 148
איך שעם זיך 150
הימל 152
ערד 153
ביימער 155
„וואַרפט זיי אַרויס“ . . . 157
קום אין גאָרטן 159

נעכטן ערשט

פאַר אומבאַקאַנטן 163
ווי דו 165
מאַמע 167
אַן אַנזאָג 176
זאָג מיר כאָטש איין וואָרט . . 178
טראַנסניסטריע 180
שפּורן 182
„שטייט אויף“ 186
העלער טאָג 188
9־טער מאַי 190
„יידן ווו זיי זענען, זאָלן זיין ?“ 191
דו פרעגסט מיך ניט פאַרוואָס . 193
נעכטן ערשט 196
וויג ליד 198
וואָס קען מען טאָן 201

שוין ווידער

שוין ווידער 205
ס'איז מיר גוט 207
איך זע אייך 211
גלייכער וואָלט געווען . . . 212
איר האָט ביי מיר אַ גוטע וועלט . 214
מלחמה ווילט איר 215

חן זוכן

חן זוכן 225

פונעם זעלבן מחבר — דערשינען:

טונקל און ליכט (לידער) בוקאַרעסט, 1948
אויפן וועג (לידער) בוקאַרעסט, 1950
שפּורן (לידער) תל־אביב, 1958